STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07019

AMOL IZ GEVEN A MEYLEKH

Zelig Dorfman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זעליג דאָרפמאַן

אַמאָל איז געווען אַ מלך

פאַרלאַג „אונטערוועגנס"
ניו־יאָרק, 1948

AMOL IZ GEVEN A MELECH

Poems by

ZELIG DORFMAN

Copyright, 1948, by
Zelig Dorfman
315 W. 36th St., New York 18, N. Y.

Printed in U. S. A. by
The Shoulson Press, New York, N. Y.
255

אַמאָל איז געווען אַ מלך

אַמאָל איז געווען אַ מלך

אַמאָל איז געווען אַ מלך.
האָט דער מלך געהאַט אַ פּאַלאַץ,
האָט דער מלך געהאַט אַ מלכּה,
און די מלכּה האָט געהאַט אַ פּאַלקע.

בעט זיך דער מלך:
מלכּה טייערע, טייערע מלכּה,
מיט אַזויפיל טרערן,
אַז אַ שטיין קען הערן.

ער בעטלט ביי איר
אויף די עלטערע יאָרן,
אַ טראָפּעלע פרייד
ביים זוים פון איר קלייד.

ער וועט האַקן האָלץ,
ער וועט האַקן שטיינער,
ער וועט טראָגן דעם יאָך
אויפן בויך פון זיין בראָך.

נאָר די מלכּה האָט געשוואוירן
ביי דער גאָלדענער פּאַלקע:
ווי אַ הונט זאָל ער וואָגלען,
דורך רעגן, דורך האָגלען.

דורך שנייען, דורך קעלטן,
דורך ביטערע ווינטן.
ווי אַ הינטיש געביין
זאָל ער פאַרגיין.

די מלכה מיט דער פּאַלקע
זיצט אויפן טראָן
און פירט און רעגירט
מיט צירונג באַצירט.

און דער אָרעמער מלך,
נע ונד,
וואָגלט אין שאַנד
פון לאַנד צו לאַנד.

איינער אַליין,
עסט אויף אַ שטיין,
און שלאָפט אויפן גראָז
און ווייסט ניט פאַרוואָס.

חורבות שפּראָצן

נאַטירלעכע פלאַנצן וואַקסן אין פעלד.
אין גלייכע ווירעס, ווי געגראַמטע שורות.
בייטאָג איז זאַנג מיט גאָלד געמישט,
אין אָוונט, פון קילן טוי דערפרישט.

די פלאַנצן דאָ, וואַקסן סתם.
ווילד, צעשויבערט און ניט צום גראַם.
די זאָמען האָט דער זייער נישט געזייט,
דער שאָס פון קאַנאָן האָט זיי דאָ צעשפּרייט.

וואַקסן ווילד — אַזוי איז זיי באַשערט.
צו מאַכן ווילד און טרויעריק די ערד.

ערב שבת

פרייטיק פאַרנאַכט,
די מאַמע בענטשט ליכט.
אַ קינד שטייט פאַרטראַכט
און עס בלייכט זיין געזיכט.

פאַר דער מאַמעס שייטל
און לויטערע הענט,
יעדעס קנייטל
טאַנצנדיק ברענט.

די מאַמע פאַרנעמט
די אָרעמס אין אַ בויגן,
און פירט די הייליקייט
פון די ליכט צו די אויגן.

אַ הייליקע שטייט.
נאָר גאָט אַליין זעט,
נאָר ער פאַרשטייט,
איר פאַרשלאָסן געבעט.

די וואָכעדיקייט
איז שוין אינגאַנצן אַוועק.
מיט די אָרעמע לייט,
מיט די גרויע פעק.

מיט די גרויע זאָרגן,
ווי גרויע זשאַבעס —
זי עפנט די אויגן
צום ליכטיקן שבת.

די חלה׳לעך מיט
אַ טישטעכל פאַרצויגן.
מיט די שבתדיקע ליפּן
קושט זי מיינע אויגן.

אַ תפילה

רבונו של עולם, דעק מיר צו מיט דיין השגחה.
צום זינדיקן מענטש לאָז מיך נישט איבער.
איך בין דאָך שוין אַמאָל געגאַנגען איבער די שטיבער.

וויפל עס איז מיר באַשערט צו לעבן
זאָלן מיינע טעג מיט זון זיין באַקרוינט —
איך האָב דאָך שוין אין מיין לעבן גענוג געוויינט.

נעם מיך אָן ווי מען נעמט אַ קינד
און פיר מיך.
איך וועל נאָכגיין בלינד.

איך זאָל אויסלעבן מיינע טעג
אין פרידן און אין פריידן —
שיינק מיך די אַלטע גרויקייט פון מיין זיידן.

איבערהויפט בעט איך דיר גאָט נישט צו פאַרגעסן,
ווען איך וועל שטאַרבן,
זאָלן מענטשן מיך נישט פרעסן.

די געטלעכע האַנט

אַזױפּיל װאונדערלעכע שײנקײטן האָט גאָט באַשאַפן
פאַרן מענטשלעכן אױג צו זען און צו גאַפן.
איך שטײ באַצױבערט אין דער װעלט
װאָס גאָט האָט מיט זײן גרױסקײט אױפגעשטעלט.

קײן מענטשלעכע האַנט האָט נאָך נישט אױסגעמאָלן
אַזױנע בערגער, אַזױנע טאָלן,
װי גאָט האָט באַשאַפן מיט זײן געטלעכער האַנט.
אפילו ניט װאַן גאָג אָדער רעמבראַנט.

איך טראַכט: גרױס איז די זינד
פון מענטש, װאָס דאַרף אַזױ געשװינד
אַװעק פון אַזאַ אױסגעשפּרײטער פּראַכט —
אין דער אײביקער, אײביקער נאַכט.

ווער וועט נאָך מיר בענקען?

אַז איך וועל אויפקומען, ווער וועט נאָך מיר בענקען?
אַ זומערדיק רעגנדל וועט אַלץ פאַרשווענקען.

קומען וועט אַ צווייטער אַזוי ווי איך
און אָנטאָן מיינע קליידער, מיינע שיך.

און יעדער וועט זאָגן, ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט.
דער וואָגן איז געפאָרן און קיינעם ניט געפירט...

אין ווייסקייט וועל איך מיט שטומע ליפּן ליגן,
ווער וועט פאַר מיר אויסשרייען: ס'איז אַ ליגן!

זעלנער — זעלנער

וואַרפט אַוועק די בלוטיקע שווערד,
הערט אויף מלחמות צו פירן;
פאַרלאָזט זיך רויטע און בלאַנדע בערד
און לאָמיר דורכן גאָלדענעם האַרבסט שפּאַצירן.

זעלנער, זעלנער, איידער דו שטאַרבסט,
זע ווי גאָלדיק די זון פאַרגייט.
די גאָלדענע זון, וואָס גליט אין האַרבסט,
איז שענער פון אַ זעלנער ווען ער איז טויט.

פון מענטשלעך בלוט איז פעט די ערד,
קברים וואַקסן אויף אַלע וועגן.
וויפל טרערן אַ מאַמע פאַרטרערט,
ווען די בשורה פון טויט קומט איר אַנטקעגן.

גרויס איז די שטראָף פון מענטש אויף דער ערד,
ער גייט דורכן לעבן ווי דורך אַ פייער;
פון האַס און שנאה ווערט ער פאַרצערט,
אין צויבער פון טויט זוכט ער באַפרייאונג.

אַלע טייכן גיסן זיך איבער
פון מענטשלעך בלוט — רויטע שטראָמען;
מתים ליגן אין אַלע גריבער,
און דאָס מענטשלעך האַרץ וויל זיך ניט צוימען.

איך זאָג עס וואָרהאַפטיק, און זאָג עס הויך,
באַטריגער פון שפּאַניע און פון כינע,
אַ מענטשלעך האַלז איז צאַרט און ווייך,
און אויף יעדן פּנים רוט די שכינה.

אָפּגעמעקט וועט איר ווערן פון דער ערד,
פאַרווישט וועט ווערן אייער געביין,
ווייל די וואָס לעבן מיט דער שווערד,
וועלן דורך דער שווערד פאַרגיין.

1939

צו די ברידער איבערן ים

דורך וויפּיל לענדער וועלן מיר נאָך שפּאַנען?
און וויפיל פייערן וועט נאָך ברענען אונדזער גוף?
ווען איך טו זיך אין אונדזער גורל דערמאָנען,
איז גרויס מיין וויטיק, ער עגבערט טיף.

שפּאַניע, אוקראַינע, דייטשלאַנד און פּוילן.
וויפיל מצבות מיר דאַרפן באַקלאָגן;
וויפיל טרויער וועט אונדז נאָך דערציילן
דאָס לעבן אידער ס'וועט אָנהויבן טאָגן?

אַמאָל האָבן מיר געלויכטן ווי אַ קרוין,
און איצט — וואָס פון אונדז איז געוואָרן;
עס הויבט אויף אונדז די האַנט יעדער פאַרשוין,
יעדער חזיר טרעט אונדז מיט די שפּאָרן.

ליבע ברידער פון איבערן ים,
כאַטש די וואַסערן טיילן אונדז אָפּ,
פילן מיר פון אייער וויטיק דעם טעם,
מיר גייען שיר ניט פון זינען אַראָפּ.

עס באַקומט ניט דאָס טרינקען ניט דאָס עסן,
ווי קינדער וויינען אַלטע לייט.
וואו איז אַ טרייסט וואָרט; מ'זאָל פאַרגעסן
דעם גרויסן בראָך פון אונדזער צייט?

וואו איז דאָס ליכט וואָס זאָל אונדז פירן?
וואו די האַנט וואָס זאָל ווייזן דעם וועג?
מיין פאָלק, עס זיינען פאַרשלאָסן אַלע טירן
אין דעם גרויסן בראָך פון דיינע טעג.

1939

אַ בריוו

ליבער חבר פון האַוואַנאַ,
עס שרייבט צו דיר דיין חבר זעליג.
היינטיקן טאָג וויל איך דיך דערמאָנען;
אַז אונדזער פריינטשאַפט איז הייליק.

היינטיקן טאָג וויל איך דיר דערמאָנען;
אַז אונדזער פריינטשאַפט איז טייער.
איך און דו, צוויי פונקען,
זיינען אויפגעגאַנגען פון זעלבן פייער.

און כאָטש דאָס פייער איז שוין לאַנג פאַרלאָשן
גליִען מיר, און גליִען.
עס וועלן די דאָלער און די גראָשן,
אונדז ביט נויטן פאַר זיי צו קניִען.

געדענקסט נאָך אוודאי מיין באָבען?
איך געדענק נאָך דיין זיידן.
ביידע ליגן אין זאַראַמב באַגראָבן —
זאָלן זיין אָפּגעשיידט פון אונדז ביידן.

אַז איך הויב אָן בלעטערן יענע יאָרן,
שטייען אין מיינע אויגן טרערן.
צוויי ייִנגלעך — אַוועקגעפאָרן,
אין דער וועלט אַריין למדנים ווערן.

און מיר וויגן און מיר וויגן
אונדזער ווייַנענדיקן ניגון;
איבער יבמות; איבער גיטין —
אוי, האָבן מיר זיך אָנגעליטן.

נאָר ליב איז דאָן געווען די האַרטע באַנק,
און ליב איז דאָן געווען דאָס ברויט, דאָס שוואַרצע,
וואָכעדיק האָבן מיר אויסגעקוקט פון דרויסן,
אָבער יום־טוב האָט געגליט אין אונדזער האַרצן.

משה וואַרשעווער דאַרפסטו נאָך געדענקען,
אַ יינגל, מיט אַ פּנים אַ פאַרבענקטן.
אויב ער לעבט נאָך, זאָל ער וויסן,
אַז מיר לאָזן אים ביידע גריסן.

מיין ליבער חבר פון האַוואַנאַ,
איך שטיי באַם האַדסן און טו מיר אַלץ דערמאָנען,
איך שטיי באַם האַדסן און סע רונען טרערן.
געדאַנקען שווימען, ווי שיפן, מיט פאַרלאָשענע לאַמטערן.

מיין טאַטע איז געשטאָרבן,
(דאַכט זיך כ׳האָב דיר שוין געשריבן.)
ביטער איז געווען זיין לעבן,
אונטער ניו יאָרקער הימל.

אַ גאַנץ לעבן אָפּגעפּראַצעט
אין אַ פינסטערן קעלער.
געשטאָרבן מיט אַ בלינדן אויג,
און אַ לונגן פעלער.

דאָס לעבן אַרום מיר ווערט שטילער,
ווייס נישט צי איכ׳ל דאָ פאַרבלייבן.
עס בלאָזן שוין האַרבסטיקע ווינטן, קילע.
מיט דעם ענדיק איך מיין שרייבן.

דער פעטער משה

.1

איי איז דאָס אַ פעטער,
אוי איז דאָס אַ משה,
באַגינען, גאַנץ באַגינען,
איז ער אויפגעשטאַנען,
ווי אַ בין וואָלט זשומען
האָט ער אָפּגעדאַוונט.
און גאָרנישט נישט געגעסן
און גאָרנישט נישט געטרונקען,
נאָר אַזוי אין רעקל
צום וואַרשטאַט צוגעזעצט זיך,
און אָנגעהויבן שלאָגן
אַ טשוועקל נאָך אַ טשוועקל,
און זיך צוגעזונגען
דאָס באַקאַנטע לידל:
האָט אַ ייד אַ דרייזשקע,
האָט אַ דרייזשקע אַ יידל.
און באַלד איז שוין געפלויגן,
אַ שטיוול נאָך אַ שטיוול
צו דער מומע דרייזשע,
אַ יידענע אַזוי זיך,
אַ געוועשל אויסצוואַשן,
אַ קאַרטאָפליע אָפּצושאָבן.
איז זי זיך געלעגן
אין קישן איינגעגראָבן.
געלעגן און געשוויגן,
נאָר אַמאָל פון וויטיק
אַ זאָג געטאָן פאַרשלאָפן:
ער איז שוין געוואָרן,
געוואָרן שוין משוגע.

.2

אַז דער פעטער משה גייט
ציטערט די פּאָדלאָגע.
איצטער זיצט ער און ער נייט
ס'האַלט איצט פאַר אַ חגא.

און די מומע שטייטביים קיך,
און זי קאָכט קאַרטאָפל.
און די קינדער דרייען זיך
אין מעשטעס, אין פּאַנטאָפל.

אויף די שויבן
שלאָפט דער פראָסט.
דער פעטער גייט אַ כאָליעווע
און רויכערט צו אַ פּאַפּיראָס.

.3

דער פעטער זיצט און נייט די לאַטעס,
דער פעטער זיצט און קלאָפּט די זוילן,
און לייבל טראָצקיס באָלשעוויקעס,
גייען חרוב מאַכן פוילן.
אוי און אוי, די באָלשעוויקעס,
אויבן אַן לויפן טעלעגראַמעס.
און מען טוט אַזוי באַפוילן:
אַלע טאַטעס, אַלע מאַמעס,
גיבן אָפּ די זין פאַר פוילן.
און סע וואַקסן אויס אַרמייען
איבער נאַכט שטאָלץ און גרייט.
צו באַגעגענען דעם שונא,
צו באַגעגענען דעם טויט.
און מען פאָרט שוין אויף די פראָנטן
צו באַגעגענען די יאַטן.
מיט פּאַנען פויקן און טרומייטן
און מיט שווערע האַרמאַטן.

4.

דער פעטער משה האָט פײנט דאָס װײב
אָבער די ליבע גאָלדענע קינדער,
בלוט פון זײן בלוט, לײב פון זײן לײב.
נישט אומזיסט שטײט ער אױף גאַנץ פרי
און פּראַצעט ביז שפּעט אױפדערנאַכט —
פאַר ליבע קינדער איז ליב די מי.
ער װאָלט שױן לאַנג אַװעק פון לאַנד.
די מומע דרײזשע האָט ער אין דר׳ערד,
זאָל זי זיך שלאָגן קאָפּ אין װאַנט.
נאָר די קינדער בינדן אים צו
פאַר ליבע קינדער איז ליב די מי...

5.

אין אַן אָרים שטיבל
װאױנט זיך אַ פאַמיליע.
דער פעטער און די מומע
און דרײ ליבע קינדער.
אײנער הײסט כאַצקל.
אײנער הײסט בונים.
דער דריטער הערשע לײב —
דרײ גאָלדענע זונען.
אַמאָל אַביסל טרױער,
אַמאָל אַביסל פרײד.
און סע קומט אַ טאָג
און אַ טאָג פאַרגײט.
אין אַן אָרים שטיבל
װאױנט זיך אַ פאַמיליע.
דער פעטער און די מומע
און דרײ ליבע קינדער.

6.

כאַטש פאַרלאָשן איז יידישער מוט,
אויף פוילישער ערד אונטער פוילישער רוט,
גיסט זיך אויף פעלדער יידיש בלוט.

פון בעסערן שטייגער, פון אָרעמען שטאַנד,
יידן שטאַרבן פאַרן פוילישן לאַנד.

דער דאָקטער באַטראַכט, עס פסק׳נט דער ריכטער,
וואָס העלפן טרערן אויף די געזיכטער?

כאַצקל פאַרפאַקט זיך און איידאַ — געגאַן!
און זעלנערשע שטיוול — דעם טאַטנס שפאַן.

— פאַרגעס נישט קינד אין די וואָס פאַרבלייבן.
פאַרגעס נישט פון דאָרט אַ בריוול צו שרייבן.

7.

אוי סאַראַ טאָג היינט מיט בלאָטעס און מיט כראָפּעס.
דער הימל איז פינצטער, פון די דעכער קאַפּעט.

די לאָמפּן ברענען פונקט ווי באַדערנאַכט.
צווישן פוילן און רוסלאַנד גייט איצט אַן אַ גרויסע שלאַכט.

און גאָט ווייסט ווי כאַצקל איז אַצינד.
איז ער טויט פלייש פאַר הונגעריקע הינט?
צי דראַפּעט ער זיך ערגעץ אויף די פיס און אויף די הענט?
צי ליגט ער געראַניעט אין אַ טייך בלוט
און די אָדערן ווערן אין אים פאַרברענט?
אין שטוב איז דער וואַרשטאַט צוגעדעקט.
אַלץ איז טרויער, אַלץ איז שטיל.
אויף אַלץ רוט אַ שטילע שרעק.
מען גייט אַרום טויט און דערשלאָגן,
ווי אבלים נאָך אַ טויטן־וואָגן.

8.

די באָלשעוויקעס יאָגן, די באָלשעוויקעס זיגן,
פּוילישע סאָלדאַטן פאַלן ווי די פליגן.

און רוסישע האַרמאַטן יאָגן איבער זיי,
און סע יאָגן רוסישע קאָזאַקן
מיט פייער אין די אויגן און הוראַ געשריי.
די באָלשעוויקעס יאָגן, די באָלשעוויקעס זיגן,
זיי זיינען שוין ווייט אויף דער פּוילישער ערד,
און סע קומען אַרונטער געגעראַלן פון פראַנקרייך
און מען זיצט און פּיפּקעט,
און מען זיצט און מען קלערט,
ווי דעם שונא פון לאַנד צו פאַרטרייבן
ווי אים צו פאַריאָגן פון דער פּוילישער ערד.
און סע קומט אַרויס אַזאַ באַפעל:
יעדער וואָס קאָן געבן זיין פּיס אַ שטעל,
יעדער וואָס קען האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט
מוז קומען באַשיצן דאָס פאַטערלאַנד.
און הערשע לייב און בונים גייען אויך אַוועק.
בלייבט דער פעטער און די מומע אין דער ליידיקער בודע
מיט דריי פּאָר מעשטעס נעבן בעט.

9.

ליבער פאָטער, ליבע מאַמע, טייערע ברידער
וואָס מאַכט איר און ווי גייט עס אייך דאָרט?
מיר ליגן אויסגעצויגן אויף די בייכער
און רירן קען מען זיך נישט פון אָרט.

די ליפּן שטאַרבן פאַר אַביסל וואַסער,
די בילדער זיינען נישט צו באַשרייבן.
נעבן מיר ליגט אַ מאַן, הייסט ער סטאַניסלאַוו
לאָזט ער אייך גריסן, ווייל ער האָט ניט צו וועמען צו שרייבן.

וואָס ווינציקער איר׳ט וויסן אַלץ בעסער.
זייט געזונט ווי עס גריסט אייך אייער —
די געפאַר ווערט גרעסער און גרעסער,
מיר אַנטלויפן אונטער אַ האָגל פון פייער.

10.

דער פעטער האָט שוין דריי טעג נישט געגעסן.
די האָר אויף זיין קאָפּ זילבער גראָ.
די מומע זיצט און וויינט און וויינט
קינדער, וואו זענט איר איצטער דאָ?

די טרערן רינען אַריבער די באַקן.
זי זיצט און וויינט און רעדט צו גאָט:
היט אָפּ מיינע קינדער פון די קאָזאַקן,
נעם דיין אייגן ביט אָפּ פון זייער טראָט.

דער פעטער שלייכט צו צו איר מיט שטילע טריט
און לייגט אויף איר קאָפּ אַרויף זיין האַנט.
אַ ווייכקייט צעוועקט זיך אין זיין בלוט,
זיי וויינעןביידע זאַלבענאַנד.

דערנאָכדעם טרעט ער פון איר אָפּ.
וואו די מעשטעס שטייען, נעבן בעט,
בויגט זיך זיין מידער קאָפּ —
ער שטייט אַזוי און רעדט און רעדט:

ווער בין איך ווער, משה דער שוסטער,
אַ פשוטער ייד, מיד און צעבראָכן,
איך האָב נישט קיין טאָג, און האָב נישט קיין נאַכט.
אין קאָפּ ווי שלאַנגען וואַלגען געקראָכן.

די אויגן פון טרערן רינען אויס.
וואָס טו איך דאָ מיט מיין פאַרשאָלטן געביין?
פון פינצטערן קבר מוז איך אַרויס —
דעם שליאַך צו מיינע קינדער וועל איך דערגיין.

אין דער וועלט וועל איך אַוועק מיט מיין וויי,
איך בין דאָך סיזוי אַ צעבראָכענער שאַרבן,
אויב איך קען נישט לעבן מיט זיי,
וועל איך מיט זיי צוזאַמען שטאַרבן.

וואו די מעשטעס שטייען, נעבן בעט,
שטייט ער אַזוי און רעדט און רעדט.

.11
אַ גרויסער גזר־דין האָט זיך אויסגעגאָסן אויף פוילן.
מען קריגט נישט קיין ברויט, נישט קיין זאַלץ,
אַ גאַנץ לאַנד שטייט אויסצושטאַרבן
פון הונגער און פון שונא׳ס קוילן.

פינצטערע געשטאַלטן שאַרן זיך ביי ווענט.
מען זאָגט זיך נישט גוטמאָרגן, נישט גוטיאָר.
ווי איינער וואָלט דעם צווייטן נישט דערקענט.

פון הונגער פאַלט מען אין די גאַסן,
פון די שפּייכלערס, און די סקלאַדן,
האָבן זיך אויסגעלאָזט די לעצטע זאַפּאַסן.

נענטער און נענטער קומען דעם שונא׳ס מעכטיקע טריט.
אין די טיפע קעלערס
ליגט באַגראָבן דער ייד.

עס בראַזגען פאַרביי האַרמאַטן
מיט דריי פּאָר פערד געשפּאַנט.
זיי יאָגן קיין וואַרשע צום ווייכסל,
צום לעצטן ווידערשטאַנד.

.12
ס׳רייטן אַריין באָלשעוויקעס
אויף די פערד אָנגעבויגן,

מיט זילבערנע פיקעס
און פייערדיקע אויגן.

ווי זענט איר אַלע?
וואָס ליגט איר אין די לעכער ?
פון אָרעמע כאַטעס,
פון שטרויענע דעכער,

קומט אַרויס
און קומט אונדז באַגריסן,
ווייַן זאָל מען טרינקען,
און ביר זאָל זיך גיסן,

די שטאָט ווערט פול,
דער אָטעם, פרייער,
נאָר עס זשאַרען נאָך קוילן
פון נעכטיקן פייער.

זיי רייטן אַרום
איבער דער גאַנצער שטאָט,
איינער צעשיסט דעם קאָפּ
פון אַ לייַמענעם גאָט.

.13

פאַרטריקנט איז דער בוים, פאַרדאַרט איז דאָס פעלד,
און אַ מאַן וואָגלט אַרום אויף דער וועלט.

ער גייט דורך בערגער, ער גייט דורך גריבער,
וואו ער זעט אַ מצבה לייענט ער זי איבער.

אַ מאַן וואָגלט אַרום אויף דער וועלט,
און דאָ שטייען זעלנער אויסגעשטעלט,

פוילישע זעלנער — זיי קוקן און קוקן,
מיט פוילישע וואָנצעס, מיט פוילישע בליקן...

ווער גייט עס דאָרט ? ווער קומט עס אַנטקעגן ?
פון יענער זייט, פון יענע וועגן ?

דער מאַן וואָס גייט, גייט און דערגייט,
צו די וואָס שטייען ווי יעגער גרייט.

זיי פרעגן אים אויס און האַלטן זיין באָרד...
ער ענטפערט נישט קיין וואָרט און רירט זיך ניט פון אָרט.

ער פאַרמאַכט די אויגן, די ליפּן בלויז צוקן.
ס'איז נישט דער פעטער, אַ צעבלוטיקטער זקן.

זיי טוען אים אויס אינגאַנצן נאַקעט,
זיין הוילער גוף מיט וואונדן צעפלאַקערט,

זיי טראָגן אים צו — ער איז נישט שווער —
צו אַ בוים וואָס איז נאַקעט אַזוי ווי ער.

און בינדן אַרום זיין גוף מיט שטריק.
ער עפנט די אויגן — זיין לעצטער בליק.

— זאָל לעבן דער אָדלער ! זאָל לעבן פוילן !
און מען שיסט אין אים אַריין זעכצן קוילן.

מײַן יחוס

דער זיידע נחום בער האָט געהאַקט טאָרף.
די באָבע מלכּה איז געגאַן
מיט אַ קײשל אויפן דאָרף.
דער טאַטע איז געווען בלינד אויף אַן אויג —
אין בעקערשן קעלער פאַרברענט זײַנע טעג.

די מאַמע האָט געזאָגט ׳ווידוי מיט זיך אַליין,
ווײַל אין אונדזער שטוב איז קיינער נישט געווען.
און איך — איך וועל נאָך אַלץ באַגלייט
פון דער טאָרבע, וואָס כ׳האָב אָנגעטאָן יונגערהייט.

די פײערפֿאַן

1.

די פֿײערפֿאַן שטײט אױפֿן הימל גרײט.
דער שעכטער שעכט מיט זײַן שאַרפֿער שװערד.
פֿון יעדער שטיװל שטעקט אַרױס אַ גוף —
טרױעריק איז די לאַנדשאַפֿט אױף דער ערד.

גאָטס פּנים איז רױט פֿון די פֿלאַמען
װאָס פֿלאַקערן אַרױף אין די הױכן.
מלאכים פֿליען מיט פֿאַרפּאַרזשעטע פֿליגל.
שװאַרץ איז זײער אָנגעזיכט פֿון די רױכן.

װאַלפֿיש שװימען ברײט און רואיק,
פֿון די פּיסקעס פּלאַצט די זעט.
גאָט פֿראַװעט אַ סעודה פֿאַרן לויתן
מיט מענטשלעכע פּיס, מיט מענטשלעכע קעפּ.

דער טײַװל זיצט אױפֿן טראָן און לאַכט,
זײַן װידערקאָל, דער טאָג װאָס קראַכט.

2.

לאָמיר זיך געזעגענען, טאַטע מאַמע.
װײנט נישט, גיט מיר אַ שמײכל מיט.
נעמט מיר אַרום און קושט מײַן געזיכט,
זאָל דער שטראָם דורכגײן דורך אונדזער בלוט.

װײנט נישט מאַמע, װײנט נישט טאַטע,
קײן טרערן רײסן נישט אױף קײן גראַטע.
פֿונעם בלוט װאָס ס׳װעט אַרײַנזאַפּן די ערד
װעלן אױפֿגײן נײַע ײדן, מיט יונגע בערד.

די מאַמע שטרעקט אויס אירע הענט
ווי צום ליכט־בענטשן שטרעקט זי זיי אויס.
זאָל איר גוף צו אַ פֿאַנצער ווערן —
די פלאַמען וויל זי פֿאַרלעשן מיט טרערן.

נאָר די שאַרפן כאַפּן אָן אירע הענט,
און זי ווערט אין די שאַרפן פֿאַרברענט.

.3

די לבנה וויגט זיך אויפֿן ים,
אויפֿן ים וויגט זיך אַ שיפֿל,
אין שיפֿל וויגט זיך די ערד,
עס שטייען יונגען מיט געלאָדענע אויגן —
פֿון די טיפֿן לויערט די שווערד.

פֿון דער לבנה ווערט בלאַס די ערד.
יעדעס אויג איז פֿול מיט שרעק.
גאָט, פֿאַרלעש די לבנה, פֿאַרלעש,
און דעק איבער די נאַכט מיט אַ שוואַרצע דעק.

.4

דער זון יאָגט זיך מיט דער ביקס אין מויל
ווי אַ חיה מיט איר פֿאַנג —
דורך וואַסערן, דורך גרויסע געפֿאַרן.
דער שונא וואַרט און זיין האַנט איז גרייט.
אַ זייגערל אפֿילו שטעלט שטעלט זיך אָפּ פֿון שרעק,
נאָר דאָס האַרץ גייט, גייט, גייט.

דער טאַטע וויגט זיין יידישן שטערן.
זיין פּנים קען שוין פֿון דער לבנה בלאַסער נישט ווערן.

אין יאָמערדיקן טאָל

אין לאַנד פון שוואַרצע קליידער יאָמערן די אויגן.
טרוקענען די צווייגן, און די פייגל שווייגן.
אונטער שוואַרצע טיכער הענגען רונדע שפּיגלען.
אַלע גוטע קינדער שטאַרבן אין די וויגלען.

טריבע טעג קריכן שווער אַריבער.
די פענצטער קוקן שמאָל, פון יאָמערדיקן טאָל.
אין באַגינען קרייען ניט קיין הענער.
וויינטן וואָיען ווי וויינענדיקע מענער.

אין לאַנד פון שוואַרצע קליידער זיצן שטילע מאַמעס.
זיי קוקן, און זיי קוקן, מיט די שטילע בליקן.
עס עפנט זיך קיין טיר ניט, קיינער שפּאַנט אַריבער,
די אויסגעדרייטע שוועלן פון די גרויע שטיבער.

יונגע כּלות טרוימען מיט בענקענדיקע אויגן.
ס'לייכטן די געזיכטער, ווי די בלאַסע ליכטער.
די הערצער קלאַפּן, קלאַפּן, ס'וואוינען דאָרטן קליפּות.
שפּינען אין די ווינקלען, וועבן ברייטע חופּות.

שאַרט זיך אָפּ דאָס ליכט, ציגנדט מען קיין לאַמטערן.
שעפּטשען וואָס די ליפּן, מיט אַ שטילן כליפּען.
— גאָט, פאַרנעם די רייד, דו קאָנסט די שטילסטע הערן.
דער גוף, ער ציט זיך אויס. די אויגן פאַרמאַכן די טרערן.

און איצט...

און איצט שטייט פאַרשעמט אונטערן טיש דער ווײַן,
ווײַל די פרייד וואָס האָט געדאַרפט זײַן וועט שוין ניט זײַן.

ווײַל אַלץ האָט זיך אויסגעלאָזט פונקט פאַרקערט,
איז שווער דאָס געמיט, די אויגן פאַרטרערט.

און שטיל איז אין שטוב, נאָר שאָרך פון טריט.
די פאַרזייטע פרייד האָט ניט אויפגעבליט.

אַ קליין שטעטל

(דעם זכרון פון זאַראַמב)

.1

אַ קליין שטעטל
מיט נידעריקע דעכער.
אַ טישל, אַ בעטל,
אין די ענגע לעכער.
דער אָרעמער שבת
אין אַטלאַס קאַפּאָטע.
די זון שפּיגלט זיך
אין אַ טיפער בלאָטע.
בעטלער קומען אָן
פון אַלע עקן
מיט שטריק אויף די לענדן,
און האַרבסטיקע שטעקנס.

.2

דער קאָוואַל אין קוזניע —
קאָוואַלעס מיט בערד,
שמידן שוין פּאָטקאָוועס
פאַר ווינטערדיקע פערד.
די באָבע אין דערעלע
מיט אַ שיסל ליים,
פאַרקלעפּט די שפּאַרעס
פון דער נאַקעטער היים.
קינדערלעך לויפן
אין חדר געשווינט,
די לאַנגע פּאהלעך
האַלט אונטער דער ווינט.

.3

דער בלאָסער רבי
מיטן באַפּעדערטן קאָפּל,
דערציילט די מעשה
שטאָפּל ביי שטאָפּל.
ווי גאָט האָט געצאָרנט
דעם מבול געבראַכט,
און נח האָט די תיבה
אין גאַרנס געמאַכט
פאַר פויגל, פאַר שלאַנגען,
פאַר אָקסן און פערד —
פון אַלץ צו פאָר
וואָס אָטעמט אויף דער ערד.
דער רעגן, האָט געגאָסן
פערציק טעג נאָכאַנאַנד,
ביז דער מבולדיקער ים
האָט פאַרטרונקען דאָס לאַנד.
זיי זיצן און הערן
מיט די טיפע אויגן,
די מעשה פון נח
און דעם רעגנבויגן.

.4

אַ שניי פאַלט,
דער ווינטער איז געקומען.
אויף די פענצטער בליען
שנייאיקע בלומען.
טאַטע־מאַמע, קינדער
אַלע אינאיינעם,
זיצן און עסן
ביים טישל דעם קליינעם.
מען עסט די זופּ,
מיט ראַזעווען ברויט,
פון די ערדענע שיסלען
אַ פאַרע גייט.

אין שטוב איז טונקל
פון די באַמאָלענע שויבן,
מ׳וואַשט די הענט,
מ׳דאַנקט דעם וואָס איז אויבן.
פאַר שטיקל ברויט,
פאַרן ביסל געקעכטס,
אַז קאַרטאָפל איז דאָ
איז נאָך ניט שלעכט.

5.

די זון שטייט אין פענצטער מיט וואַרעמע שטראַלן,
דער פראַסטיקער קראַנץ אויף די שויבן צעגייט.
קוקסט דורכן שויב אין דרויסן אַרויס,
און זעסט די וועלט איז אינגאַנצן פאַרשנייט.
די ווייסקייט פון שניי אין זוניקן גלי,
קוקסט, דיין פנים אין שווייגן פאַרטראַכט.
עמעץ עפנט די טיר, דרייסט אום דיין קאָפּ,
דער בריווטרעגער האָט אַ בריוו דיר געבראַכט.
דער ווייסער קאָנווערט איז ווייס ווי דער שניי,
שטרעקסט צו אים דיין ציטערדיקע האַנט.
מיט פייכטע אויגן פאַרנעמסטו די גרוסן,
וואָס קומען צו דיר פון אַ ווייטן לאַנד.

6.

באַלד וועט דער קאַלטער ווינטער אַוועק,
קומען וועט דער ליבער פרילינג.
מיט ליכט אין די שויבן, מיט וואַרעמע טעג.
אַ לינדער רעגן וועט קומען צוגיין,
און אָנזאָגן דער ערד, אַז ס׳איז שוין צייט
מיט פלאַנצן און בלומען אויפצוגיין.
אַלץ אויפן פעלד וועט אָנהויבן בליען,
אויף בוימער דער צוויט, דער ראָזאָווער בעז,
דער באָטשאַן צו זיין נעסט וועט קומען צופליען,
און קינדער וועלן אים באַגעגענען מיט פרייד:
באָטשאַנאַ, באָטשאַנאַ, שטיבעלע ברענט!
דער באָטשאַן וועט ענטפערן מיט פליגל צעשפרייט:
קינדערלעך ליבע, איך האָב אייך דערקענט.

נאַכט און רויט

1.

אַלע גוטע בשורות האָבן אונדז אויסגעמיטן.
פלינקע רייטער געזאָטלט מיט רויב,
האָבן אונדזער ערד אַדורכגעריטן
און געלאָזט אונדז אין פלאַמען; אין וואָלקנס שטויב.

איצט הענגען הענט ווי ליידיקע אַרבל;
פנימער אין וויטיקן צעקאַרבט, צעאַקערט.
איינער רוט נישט, עליע מאיר גערבל,
ער שרייט, נישט די שטאָט, נאָר דער הימל פלאַקערט.

זיין ווייב וויינט, זיינע קינדער וויינען.
זיי נעמען איין זיין צערודערט געמיט.
ער הויבט אָן פלוצים צו קנאַקן מיט די ציינער.
זיין גוף ווי מען וואָלט מיט גליאייזנס געבריט.

די נאַכט האָט אין שפּעטקייט אַריינגעשניטן.
אַלץ איז פאַרגליווערט. אין שוויגעניש פאַרקלעמט.
קופּעס מענטשן ליגן אינדערמיטן —
פון איין זייט די נאַכט, פון דער צווייטער — ברענט.

2.

אַ נעפּל ווי אַ דיקער וואָלקן שטייט.
נאָר דער שטילער באַגינען נידערט אַראָפּ
מיטן מאָרגנליכט, די שווערקייט צעגייט.
די ערד אַנטפּלעקט זיך, זי דעקט זיך אָפּ.

די וואָס שטעלן די טריט אין גלויבן,
ציען די כאַלעוועס אָן צו די קני.
דאָס טייך־וואַסער וואַשט אויס די נאַכט פון די אויגן,
— גאָט צו דאַנקען, עס איז ווידער אינדערפרי.

מען דאַוונט בציבור אין טלית און תפילין,
אַ קינד זאָגט קדיש ביי ווּעמען אויף דער האַנט.
גרויסער פאָטער, שפּאַן איין דיין ווילן,
מיר זאָלן אין אָוונט נאָך זיין דאָ באַנאַנד.

טאַנץ נומער איינס

ווער וועט אונדז אַנזאָגן מיר זענען טויט?
מיר וועלן קיינמאָל נישט טויט זיין.
מירן וואָגלען אין תכריכים —
ווי שדים, ווי רוחות.
אין די נעכט וואוינען אין די נעפּלען.
גיין מיטן ווינט אין זאַווערוכעס.
הינט וועלן וואָיען,
אָקסן — רעווען ווילד.
אַנטקעגן דער זון וועט דער אָקסן־טרייבער
ליגן, אויף אייביק פאַרשטילט.
אויפן רויטן האָרן,
וועט טראָגן דער אָקס זיין פאַרלאָשענעם צאָרן.

פרייטיק פאַרנאַכט ווען גאָט וועט צינדן דעם שבתדיקן הימל,
וועלן מיר קומען רוען צום שטילן ים
און מירן זיך אַ מעשה׳לע דערציילן:

אין אַ גאָלדענעם טאָג, אין אַ זילבערנע נאַכט,
האָט גאָט ברוך הוא אָהער אונדז געבראַכט.

אין זיידענע שאַלן, אויף זילבערנע פליגל,
האָט אונדז דער מלאך געבראַכט אין הילצערנעם וויגל.

דורך גרויע פרימאָרגנס, דורך פשוטע טעג,
זענען מיר געגאַנגען דעם יידישן וועג.

מיט טראָן אויף די שטיוול, אין גומענע קאַמאַשן,
אַמאָל איז אויך געווען המן טאַשן...

זיך אַזויפיל געמוטשעט, אַזויפיל געליטן,
אויפן פנים האָבן געבריט די יידישע בליטן.

אָבער שטענדיק אין מען צו גאָט געגאַנגען
מיט געפלאָכטענע הבדלות, מיט הילכיקע געזאַנגען;

מיט געקרייזלטע פאות, מיט יידישע בערד —
איז דער מערדער געקומען מיט דער ברייטער שווערד.

און געשאָכטן אונדזערע קינדער,
געשאָכטן אונדזערע ווייבער,
געשאָכטן אונדזערע לייבער.

איצט ליגן מיר ביים ים ווי מעוועס
און רוען ביי די ברעגן פון הייליקן שבת.

ווען דער שבת פאַרגייט, —
און דער אָוונט באַדעקט זיך מיט גאָט פון אברהם טונקלקייט,
נעמט מען זיך אָן אין אַ ווייסן קראַנץ,
און מען טאַנצט דעם לעצטן שלש־סעודות טאַנץ, —

בלינדער טויבער — טויבער בלינדער,
האָט ער געשאָכטן אונדזערע קינדער —
אַ הויב מיטן פוס און אַ טאַנץ זיך צו
— דאָ זיינען מיר דאָ, וועמען זוכסטו?

בלוטיק צעביסן די גאָלדענע קייט...
זיינען מיר געשטאָרבן און זיינען ניט טויט.
אַ הויב מיטן פוס און אַ טאַנץ זיך צו
— דאָ זיינען מיר דאָ, וועמען זוכסטו?

ווען דער ים צעברויזט זיך ווידער,
וואַגלען מיר ווידער מיט געשטאַרבענע גלידער.
אַ הויב מיטן פוס און אַ טאַנץ זיך צו
— דאָ זיינען מיר דאָ, וועמען זוכסטו?

דורך נאַכטיקע וויסטן זיך שטענדיק צו יאָגן,
אין ווינטן צו זיין דאָס ברומיקע קלאָגן.
אַ הויב מיטן פוס און אַ טאַנץ זיך צו
— דאָ זיינען מיר דאָ, וועמען זוכסטו?

ווי לאַנג ציט זיך דער פאַרשאָלטענער וועג?
וואו פירט ער, צו וועלכן ברעג?
אַ הויב מיטן פוס און אַ טאַנץ זיך צו
— דאָ זיינען מיר דאָ, וועמען זוכסטו?

דער ים הויבט זיך אָן באַוועגן.
ווינטן ווינען מיט אַ טרויעריקן ניגון...
די ווינטן ברעכן אויס אין אַ צאַרנדיקן שטורעם.
דער שטורעם הויבט די כוואַליעס
און פּאַטשט זיי צוריק אַוועק.
דער ים שרייט מיט זילבערנע געוואַלדן...
די כוואַליעס לויפן זיך ראַטעווען צום ברעג...

מיר פאַרשווינדן אין דער נאַכטיקייט.
אין ענדלאָזן וואַגל.
היינט וואַיען,
אַקסן רעווען ווילד,
מאָרגן וועט דער אַקסן־טרייבער ליגן דערשטאָכן אויפן גראָז,
און קיינער וועט נישט וויסן פאַרוואָס...

היינט איז דער טאָג פֿאַרשאָלטן

דער פרימאָרגן ווי אַלע פרימאָרגן
אַ טאָג ווי יעדער טאָג:
די זון, אין וואָלקנס פֿאַרבאָרגן.
דאָס האַרץ אַ שווערע וואָג.

אַ מיל דרייט אירע פֿליגל.
פּוסט איז זי און פֿאַרלאָזן.
אַ מאַמע פֿאַרוויגלט אין וויגל,
אַ קינד וואָס שלאָפֿט אונטער גראָזן.

דער ווינט האָט פֿאַרווייעט די בלעטער.
די צווייגן נאַקעטע שפּיזן.
אַמאָל, אין גאָלדענעם וועטער,
האָט גאָטס האַנט זיך דאָ באַוויזן.

אין פרילינג האָט דער גאָרטן גערוישט
מיט גרינסן, מיט שנייאיקע צוויטן.
שפּעט־זומער האָט אַלץ זיך געטוישט
אויף פּירות און רויטע בליטן.

היינט איז דער טאָג פֿאַרשאָלטן.
אַ מיל דרייט צוועקלאָז די פֿליגל.
די ערד איז וויסט און צעשפּאָלטן.
און אַ מאַמע וויגלט דאָס וויגל.

מײַן קאַסטן

ווי רויבער מיט זילבערנע בערד,
באַפאַלן די כוואַליעס מײַן קאַסטן.
פון אַנגסטן ווער איך פאַרצערט.
איך טראַכט פון תפילה און פאַסטן.

די טויב וואָס איך שיק אַרויס,
קומט קריק אָן בשורה, אָן בלאַט.
זי פאַלט אַוועק אין מײַן שויס,
האָפנונגסלאָז און מאַט.

איך שטרעק צו מזרח מײַן האַנט.
באָר די זון איז שוין אַזוי לאַנג פאַרגאַנגען.
שוין אַזוי לאַנג אַוועקגעשפּאַנט
פון רעגנבויגן, פון געזאַנג פון געזאַנגען.

שטאַרב ניט מײַן באַפליגלטער פרײַנט,
לאָמיר נאָך איין מאָל פּרובירן.
אויב זיך אומקערן וועסטו ווי נעכטן, ווי הײַנט —
צעעפן איך לאָדן און טירן.

קומען וועט איינער...

דער מענטש ליגט אין בעט,
און די גאָלדענע ברילן
וואָס האָבן ליכטיקייט געפירט
צו זיינע אידעלע צילן,
ליגן אומבאַרירט.

ער קוקט געדולדיק...
צום ווייסן סאָפיט;
ער קוקט און ער זעט
ווי אַלץ איז צעבליט
איבער זיין בעט.

ווערט וואָרעם זיין האַרץ,
די אויגן צעשטראַלן;
די ליכטיקע צוויטן
איבער אים פאַלן
ווי שנייען וואָס שיטן.

קומען וועט איינער
מיט פליגל צעשפּרייט;
דער מענטש וועט פאַרשטיין
זיינע פּשוטע רייד
און מיט אים וועט ער גיין.

אויף באַקן װעלן פּליסן
שנירעלעך טרערן.
אויף צװײטער זײַט שטוב
װעט קײנער ניט הערן
דעם רידל בײַם גרוב.

די זון װעט צעצינדן
די קעפּ אויף די שטאַמען.
אָונט, דערנאָך,
װעט פֿאַרלעשן די פֿלאַמען.
געװיקלט אין בראָך —

װי װערימלעך ליגן
— געקאָרטשעט אין קאָרע
װעט יעדערער ליגן
שטיל אין זײַן נאָרע,
ביז נאַכט װעט פֿאַרװיגן.

ערב האַרבסט

דאָס גאָלד פון די טעג פאַרגייט,
קומען וועט האַרבסטיקער וועטער,
וועט אונדז פאַרוויגן דער טויט,
און פאַרשיטן מיט געלע בלעטער.

טרויעריק וועט זיין אין לאַנד,
דער חלל וועט קלאָגן אין שטיבער.
פייגל מיט טיפן פאַרשטאַנד
וועלן ניט זינגען קיין לידער.

דער האַרבסטיקער רעגן וועט וואַשן
די בלעטער פון אונדזערע הויטן,
אין לויטערקייט צו אַנטפּלעקן
דאָס שיינקייט פון אונדזערע טויטן.

דערנאָך וועט ווינטער אויסבעטן
די ערד מיט ליכטיקן שניי...
שמייכלען וועלן די ליפּן —
מיר זענען געשטאָרבן אַזוי.

אין ווייסקייט וועלן מיר אויפשטיין —
גאָט אַליין וועט אונדז פירן.
צו שטיין אין ווייסקייט געבויגן
פאַר אונדזערע איינזאַמע טירן.

אַז היטלער קומט אין אונדזערע שטעטלעך

אַז היטלער קומט אין אונדזערע שטעטלעך
אַנטלויפן די מתים פון די גריבער.
דער שונא, שיכור פון זיין זיג,
טרינקט לחיים צו די ברענענדיקע שטיבער.
ביי אַ פּלויט, אויף אַ שטריק, יאָמערט אַ פאַרגעסענע ציג.

די אייביקע וואָגלער ציען אין וועג,
מיט האַק און פּאַק, מיט קינד און קייט.
געבויגן ווי מילטער, צעשויבערט די בערד,
שפּאַנען די וואָגלער, ביז די לבנה פאַרגייט
באַשירעמט דעם טראָט די נאַכטיקע ערד.

די עדה נעננטערט אַ שטילן וואַלד.
צווישן די קלעצער קריכט דער דרויסן.
דאָס זשומען אויבן — וואָס קען עס זיין?
ביימער שטעלן אַפּ דאָס רוישן...
קינדער האַלטן די טרערן איין.

וואָס טוען יידן אין אַ וואַלד באַגינען?
מ׳וואַשט די פינגער אין מאָרגנטוי,
כעלות השחר, גאָט צו דינען.
יעדער רגע שפּאַלט זיך אויף צוויי,
זאָל דער שונא דעם וואַלד כאָטש ניט געפינען.

צווישן די קלעצער, אין די טליתים,
מתימדיק זעען זיי אויס.
די אַקסלען פאַרגליווערט, אין שטילן באַוועג
ליפּן און בערד וואָס קוקן אַרויס.
זיי שטייען פאַרזונקען, ווי אין פאַרכטיקע טעג.

— עפן האַר, דיין פּאַטערלעך הארץ!
און פיר איבער אונדז דיין וואַכזאַם אויג.
שלאָג נישט מיט פייער און מיט דער שווערד.
דעם עונש פון אונדזערע זינד פאַרנויג
און ברענג אונדז בשלום אויף דער רוסישער ערד.

זיי רעדן צו גאָט און ס'פלאַקערט דער וואַלד.
עס פלאַקערט אַ וואַלד מיט מענטשן!
ס'יאָמערן קולות, עס שטרעקן זיך הענט,
ווי כהנים שטרעקן צו בענטשן.
ס'יאמערן קולות און דער וואַלד ברענט.

נאָר פּלוצים האָט אַזוינס געטראָפן,
ווי נישט דער שטייגער איז מיט אַלע סופן:
אַ שלאַקס־רעגן האָט אָנגעהויבן גיסן,
און דער וואַלד האָט שוין מער ניט געברענט.
ר' אַבעלע דיין, מיט געוויין אין זיין קול,
האָט אָנגעהויבן שירה ווי אין חודש ניסן.
ספר־תורות האָבן געטאַנצט אין די הענט.

ווען דער אָוונט איז צוגעקומען נאָענט צום וואַלד,
איז די עדה שוין געשטאַנען אָנגעגורט.
איבער זומפּיקע וועגן מיט געוואַלד
האָבן פיס געוואָגלט — פון דער לבנה געפירט.
צום הימל האָבן נאָך קאַנאָנען געקנאַלט.

וואָגלען יידן אין דער נאַכט.
די קעלט שטעכט דאָס לייב ווי ציין.
גאָט, צי אויס — מאַך לאַנג די נאַכט —
זיי זאָלן ביזן באַגינען דערגיין.
די לבנה וואָס איילט זיך פון וואָלקן צו וואָלקן,
זי זאָל ביז דאַן ניט פאַרגיין.

פאַרוואָס ?

פאַרוואָס האָט איר מיך געלאָזן
דעם אומגליק ווידער צו געבערן ?
איבער אייך די הייליקע גראָזן,
שפּראָצן הויך פון מיינע טרערן.

— אויף אייביק אַזוי־אָ צו זיצן,
איבער די קני געבויגן.
דער וואָס האָט פאַרלאָשן דעם טאָג,
האָט פאַרמעקט דאָס ליכט פון די אויגן.

דער טרייסטער איז טויט מיט די טויטע,
איך וועל שוין אויף אייביק פאַרצערן.
די נעמען וואָס בליען אויף פעלדער
לייכטן אין זילבערנע טרערן.

דאָס לעצטע ליד

פון אַלע ווייטיקן וואָס בלייבט דיר איבער ?
עטלעכע קרעכצן אין געצערטלטע לידער.
אַזוי־אַ בעטלט איבער שטיבער
אַ בעטלער ברויט פאַר זיינע גלידער.

דיין קרענקלעך האַרץ ווער קען פאַרהיילן ?
דיינע שטילע אויגן — ווער קען פאַרשטיין ?
ווער וועט קומען אין אָוונט צו טיילן
דייך איינזאַמקייט ווען דו בינסט אַליין ?

עס טרעפט אַמאָל אַז שטילע נאַכט
גייט אויף מיט קלאָרקייט, ווי מיטן באַטאָג.
און זעסט ווי שפּאַטיש דו ווערסט פאַרלאַכט,
און פילסט די זאַלצן אויף דיין קלאָג.

וואָס־זשע טוסטו אין יענער שעה ?
צינדסט אָן דיין טונקעלע לאַמטערן ;
די האַנט, וואָס ווערט אין אָוונט גראָ,
פאַרצייכנט ווידער, אין געלייטערטע טרערן,

דעם אינהאַלט פון דיין בלאָס געזיכט.
דעם טיפן ווייטיק פון דיין צער.
און עס ווערט אַ נייַ געדיכט,
און דו בלייבסט דער זעלבער נאַר.

אין שפּאַלטן פון ווענט

אין שפּאַלטן פון ווענט

ווער זיינען די, וואָס בלאָנקען דאָ אַרום
מיט פאַרגלייזטע אויגן און שטומע ליפּן?
זיי טוליען זיך אין שפּאַלטן פון ווענט.
אַז דו קוקסט אויף זיי, כאַפּן זיי אַוועק די בליקן,
ווי עפּעס שאַרף וואָלט זיי געטאָן אַ בלענד.

אַ מענטש ווערט דאָך ניט געבוירן גלאַט אַזוי.
וויפל שטערן עס לעשן זיך און ווערן, ביזן ערשטן אויסגעשריי.
צוערשט קומט דאָך דער פייערדיקער קוש, דאָס וואַרים לייב.
די געטלעכע באַהעפטונג פון מאַן און ווייב.
און אַז די פרייד יערט אויף אונטערן קלייד,
גייט דאָך אַלצדינג אויף אין פרייד:
דער בוים אין צוויט,
דער פויגל וואָס טרעלט —
פרייט זיך דאָך די גאַנצע וועלט.
אפילו אַ ווערימל קריכט און קוועלט...

עס קומען טעג פון קליינעם שמייכל און גרויסע טרערן.
פון לאַנגן וואַרטן און פון האָפן.
און נעכט אַזוינע וואָס גייען ניט שלאָפן —
זיי רוימען אַריין ליכטיקע סודות
אין די אויערן פון טאַטעס און זיידעס.

דערנאָך קומען שווערע מינוטן —
אַ מענטש ווערט דאָך געבוירן אין בלוטן.
ווער קען זאָרגלאָז פאַרנעמען מוטערלעכע ווייען
ווען איר בויך ווערט צעשפּאָלטן אויף צווייען?

נאָר דערנאָך,
דערנאָך קומט די אויסדערוויילטע מינוט.
נישט נאָר גאָט, אַלע זעען ס'איז גוט,
גייט מען אַ טענצל און מען באַמקעט אַ טאָן.
אין יום־טובדיקע קליידער טוט מען זיך אָן.
און בראָנפן און ווײַן גיסט זיך ביזן טאָג אַרײַן.

און שפּעטער האָט דאָך נאָך עפּעס פּאַסירט.
אַ מענטש ווערט דאָך נישט פון זיך אַליין געפירט.
נאָר ערגעץ האָט דער ווינט פאַרשאָטן די טריט.
די איינזאַמע בערגלעך האָבן איינגעפלאַכט
אַזוינע וואָס טרעטן מיט שווערע טריט אין דער נאַכט.

געבליבן זיינען בלויז אָט די —
שוואַרצע פלעקן אויפן אינדערפרי.
בערדיקע וואָגלער אויף דער וועלט.
פון שאַרן זיך ביי ווענט ווערן זיי פאַרגעלט.

נישט איינמאָל גיי איך פאַרביי דאָ אין פרימאָרגן,
זע איך זיך צווישן זיי פאַרבאָרגן.

מדברדיגע זאַמדן

פאַרשלאָסן איז דער קוואַל
מיט ברייטע שטאַבעס, שטאָלענע שלעסער.
געזוכט האָב איך אַ וואַסערפאַל,
און שעפּ פון הילצערנע פעסער.

אַזויפיל רוזשנע מאַנטלען מיט מאָדנע אויסטערלישע קנעפּלעך.
קעפּ אַרויפגעקעמטע פאַרנומען מיט כינעזישע צעפּלעך.
און בייכער אָנגעשטאָפּטע,
פון פעטע געלעכטערס און געגדזענע קרעפּלעך.

עס שפּאַנען די טעגלעכע שפּאַנער, מיט געוויכטיקע פאַרלאַנגען.
פון די שווערע טריט פּלאַצט שיר ניט דער פרימאַרגן.
אוי, אַזויפיל נעזער פול מיט זאָרגן,
אין די בליקן, אַזויפיל שפּיצן —
צי בין איך דען אַ פריילין מיט שפּאָרע ציצן ?

וואויל דעם אַקערמאַן. ער צעאַקערט און פאַרזייט.
גייט אַהיים ווען די זון פאַרגייט
מיט געזאַנג איז זיין גוף, מיט וויין אין זיין פרייד.
אַלץ וואָס ער האָט פאַרקנאַטן,
וואַרט אַ דור עס זאָל אויפגיין געראָטן.
וואָרעם איז זיין געצעלט.
ליכטיק איז זיין געצעלט.
אַלע זיינע פענצטער לייכטן צו דער וועלט.

און איך ?
מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער למדן,
צו פאַרשטיין דעם פשט פון די מדברדיקע זאַמדן.
— נאָר גוט וואָס אין אָוונט ווערט אַביסל קילער.
קילער, געמיטלעכער און שטילער.

איך ווייס

איך ווייס: בינסט אַן אָרימער קאַטערינשטשיק אויף אַ גרויסן יאַריד.
אויפן דאַשיק קרישלט דער לאַקיר.
די קאַטערינקע אויף דער קוליע גייט צום טאָג מיט דיין ליד,
נאָר דער צירקל איז ליידיק אַרום איר.

וואָס זשע זאָל איך טאָן מיין פריינט?
וואו זאָל איך דיך פירן?
אך וואָלט דיך אַוודאי בעטן גאַסטראָלירן
אין מיין בידנעם האָפן,
האָט דער רוצח צעשלאָגן מיין אָרימע בודע
און מיין חלום האָט אַליין נישט וואו צו שלאָפן.

איך זאָג: צווישן נעכטן און היינט
האָט אונדזער זון אַזוי ווייניק געשיינט.
קיין יינגעלעך בליען נישט אין אונדזער גאָרטן
קיין טעכטער בענקען נישט אין אונדזערע פאָרטן.

איך זאָג: ווי אַ יונגפרוי צעקעמט די שיינע האָר
איבער איר שטאַרבנדיק געזיכט,
זאָל באַזוימען אונדזער שמאָלן טאָג,
פון אונטערגאַנג דאָס פייערדיקע ליכט.

איידער צו שמעקן ווײַרויכדיקן מיסט
קום, קאַטערינשטשיק — וויט און רחבותדיק איז אונדזער וויסט.
דו וועסט שפּילן פאַר מיר דאָס ליד.
און איך — איך וועל זיין דיין יאַריד.

לחיים העגגלייכטער מיין פריינט

די וואַנט איז זייער נאָענט צו מיר.
איך לעג אויף איר מיין קאָפּ.
גלעט זי מיט דער האַנט.
די גלאַטקייט גלעט מיר אָפּ,
מיר גלעטן זיך זאַלבענאַנד.
דער שפּיגל איז זייער בייז צו מיר.
זיין קעלט פרירט מיינע בליטן.
ווער גראַבלט עס נעבן מיין טיר?
זאָל זיך דער קאָפּ באַווייזן אין דער מיטן.

לחיים, העגגלייכטער מיין פריינט.
הייליק האָבן אַמאָל דיינע ליכטער געשיינט,
דיין מעש — גינגאָלדיקער גלאַנץ.
אוי, האָבן אַמאָל די כוסות געטאַנצט
אין די הענט פון די יידעלעך מיט רויטע בערד.
נאָר איצט איז שוין אַלץ פאַרשאָטן מיט ערד.
געבליבן איז בלויז דיין גלייכגילטיק שווייגן,
אַ בוים מיט אָפּגעשערטע צווייגן.
און איך, אין שוואַרצע ראָמען,
צו שווייגן מיט דיר צוזאַמען.

יאָרצייטן ברענען

אויפן הימל שטייט אַ קאַלטע לבנה.
די ערד איז ווייט אַוועק.
איך גיי אַרום אויף דער ערד,
מיין האַרץ איז געלאָדן מיט שרעק.

דאָס זילבער פאַלט אויף מיין קאָפּ.
מיין שאָטן איז גרעסער פון מיר.
די לאָמפּן — יאָרצייטן ברענען
ביי יעדער פאַרריגלטער טיר.

פון וייטן, מיר דאַכט, איך הער:
אַ סקריפּען, אַ וואָגן, אַ קול.
איך קום־אָן — די נאַכט איז לער
אין וואַלד פון פאַרגליווערטן שטאָל.

ווי שלאַנגען קריכן געדאַנקען.
די נאַכט איז זילבער און קאַלט.
איך קלאַפּ — אין דער נאַכט הילכט אָפּ
מיין טראָט אויפן קאַלטן אַספאַלט.

דאָס שיינקייט פאַרגייט

1.

מיין מאַמע איז טויט, מיין טאַטע,
מומעס, פעטערס — אַלע, אַלע.
געבליבן איז בלויז מיין אָרעמע כלה
ערגעץ אין אַ בלינדער כאַטע.

איך גיי צו איר בייטאָג און ביידערנאַכט.
צו איר שוועל וויל איך אַלץ דערגרייכן.
זי זאָל מיך מיט איר זעל באַהויכן,
און אָפּווישן די צייכנס פון מיין שלאַכט.

איך טראַכט צו איר מיט שענסטע טרערן.
און זינג צו איר, ווי אַ פויגל צום פרימאָרגן.
אין שפּאַן פון אַקער וועל איך פאַר איר זאָרגן.
היילינקע מינוט, ווען וועסטו שוין ווערן?

זי וואַרט אויף מיר אין בענקשאַפט איינגעשוויגן.
דאָס לעמפּל צאַנקט און וויל ניט פינצטער ווערן.
איך קום אַריין און קוש איר שטערן,
מיינע הענט — אַ וויג, זי צו פאַרוויגן.

אין איר שטילן פּנים קוק איך לאַנג אַריין.
איך זע אין אים דעם אָנבליק, צאַרטן.
פאַר די ליכטיקע אויגן וועל איך וואַרטן,
אויפצוואַכן אין העלן מאָרגנשיין.

אַלע פאַראיבערס, אַן אומענדלעכע לוויה.
איך דריי מיין קאָפּ ניט קריק. איך פאַרגעס.
מיט שטילן ציטער צי איך מיך צום נס —
צו זונאויפגאַנגען מיט פאַרבן נייע.

אַ הייליקע שטילקייט, איך הער געזאַנגען:
מלאכים זינגען אַוודאי שירה.
צו דער איידלקייט, צו דער שיינקייט אירער,
און זי וואַכט אויף צו די געטלעכע קלאַנגען.

דאָס האַרץ גאַרט מיט אויסדערווײלטן באַגער,
גאָט, קען דען אַזאַ גוטסקייט זיין?
מיט אַלע ליבשאַפטן קום איך צו איר אַריין,
און זי האַלט בלויז אין אויג אַ שטילע טרער.

מיין כלה שמייכלט. די זון שיינט.
אין וואַרעמען גאָלד די אָרעמע כאַטע.
אַ, פינגער, איידעלע און גלאַטע,
אַלץ הויבט זיך אָן פון היינט.

2.
אַלץ הויבט זיך אָן פון היינט —
ווי קען איך אַזוינע ווערטער זאָגן?
איך ווייס דאָך אַז ס׳וועט ניט אָנהויבן טאָגן
ביז דער מעסער וועט ניט דורכגיין דורך מיין פיינט.

ווי אַ חיה שפּאַן איך ווילד פון אָרט צו אָרט.
אין מיין בוזים וואַרעמט זיך זיין קאַלטער שאַרף.
דורכן שונא וועט ער דורכגיין ווי אַ האַרף,
און דערלייזן וועל איך זיך אין קאַלטן מאָרד.

גאָט, פאַרגיב אַזוינע רייד.
עס לויערן אויף מיר אַזוי פיל וועלף.
ניט איינמאָל האָב איך שוין געשריגן, העלף,
נאָר דער ענטפער איז געבליבן טויט.

איצט וואַרעם איך מיין אייגן גורל אויס.
אין בוזעם גלאַנצט מיין אויסלייזער, מיין גואל.
דעם שונאס שווערד קען ניט בייקומען דאָס מויל.
פון לאַנגן יחוס שפּאַן איך איצט אַרויס.

קלאַפּ ניט האַרץ מײנס, זײַ געטרײַ
דער האַנט װאָס שטרעקט זיך צום הײליקן ציל.
אַ בלאַנק אין דער נאַכט, און אַלץ װעט בלײַבן שטיל.
קלאַפּ ניט האַרץ מײנס. זײַ רואיק, זײַ.

3.
מײַן כלה װאַרט אויף מיר אין אַ װײַסן שלײער.
איך װעל קומען, איך װעל קומען.
מיט אַ ײדיש לידל, אַ בינטל בלומען,
װעל איך דורכגײן דעם ליכטיקן טויער.

זי װעט מיך באַגעגענען מיט אַ שטילן כליפּען.
אוי, װעט זי שײַנען, אוי, װעט זי שײַנען.
ביזן פאַרטאָג װעל איך מישן די װײַנען
פון גאָלדענעם בעכער און אירע ליפּן.

און אויב דער טאָג װעט אויפגײן מיט ליכט
אין זונענגאָלד, אין זונענגאָלד.
װעל איך זאָגן: גאָט האָט אַזוי געװאָלט,
און אַלץ איז געשען אין זײַן אָנגעזיכט.

אויפהויבן װעל איך מײנע הענט.
און דאַנקען אים, און דאַנקען אים.
די ליפּן װעלן שעפּטשען: אלוקים,
דאָס פײַער האָט געברענט און מיך ניט פאַרברענט.

און אויפגײן װעט אַלץ אין גאָלדיקער פרײד.
אויף שטילער ערד, אויף שטילער ערד.
אויב די באַק װעט װערן פאַרטרערט,
װעט עס זײַן דערפאַר װײַל דאָס שײנקײט פאַרגײט.

מיינע געסט

וואָס דאַרף איך בייטן דעם קאַלענדער?
וואָס איז מיר דער אונטערשייד,
צי עס קומט אַ יאָר אַ נייער,
צי אַן אַלטער יאָר פאַרגייט?

דאָס העמד איז אויסגעוואַשן,
דער אַנצוג, אויסגעפּרעסט.
איך וועל גרייטן צום טיש
און פאַרבעטן מיינע געסט.

צעשניידן אַ לאַבן ברויט,
דערלאַנגען גלעזער טיי.
אין העלער טיפקייט פון רייד
אויפשטייגן מיט זיי.

ווען אַלע וועלן אויפשטיין
צעשפּרייטן מיינע הענט;
בענטשן זייערע טריט
אין מיינע שטילע ווענט,

אַנטאָן זיי די מאַנטלען,
אין פריינדשאַפט — נישט ווי אַ קנעכט...
ווער זיי זיינען, ניט פרעגן,
נאָר וואַרטן אויף זיי אין די נעכט.

אברהם רייזען

גוט וואָס ס'איז דאָ מיט אונדז אברהם רייזען.
ווי אַ גוטע בשורה זאָל ער זיך באַווייזן
אויף מיין לאַנגן, שטיינערדיקן וועג.
מיט פאָטערשאַפט זאָל ער מיך פאַרוויגן.
מיט זיין מילדקייט זאָל ער מיך באַזיגן
אין די שווערע אָבלדיקע טעג.

נישט איינמאָל זיץ איך נידעריקערהייט
אין זאַקן, ווען די זון פאַרגייט.
די פינצטערניש קריכט צו מיר, און קריכט.
אָ, ווען ס'עפנט ווער די טיר,
אַז ליכט אַ שטראַל זאָל פאַלן מיר —
און נאַכטיקייט זאָל מיר אָנצינדן דאָס ליכט.

כאָטש ער איז דאָך, דאַכט זיך אַזוי ווייט...
קומען וועט ער מערצעשעם אין צייט,
מיט צאַרטע רייד — גלעטנדיקער פליוש.
ווי אַ ליכטיקע בשורה,
אין שויב פון מיין צעקרומטער דירה,
פאַרבייגיין וועט זיין קאַפעליוש.

און דערפרישן וועט ער מיך מיט גלויבן.
פון מיין נידער וועט ער מיך דערהויבן,
מיט זיין שטיל און טרייסטנדיק געזאַנג.
ווי זוניקער שטראַל,
וואָס קוועלט מיט ליכט צום טיפסטן קוואַל
אַ זינג טאָן וועט זיין טרייסטנדיקער גאַנג.

פשוטע ווערטער

פשוטע ווערטער זײַנען אַזוי שײן,
ווי קינדערשע בעקעלעך מיט גריבעלעך חן.

זיי טוליען זיך צו ווי אָרימע ברידער,
דערקענסט זיי אין סידור, אין הערלעכע לידער.

אַז זיי רעדן, רעדן זיי אמתע רייד.
אַז זיי לאַכן, לאַכן זיי אמתע פרייד.

די וואָס ווערן אין לעבן באַטריגט,
און די וואָס ווערן פון לעבן באַזיגט,

זיצן אין אָוונט, ביי אַ לעמפּעלע שײן,
און טרינקען די ווערטער ווי טרערן מיט וויין.

זיי טרינקען, און טרינקען און חלומען איין,
דאַן קומט די מעשה אין זייער חלום אַריין

און טראָגט זיי אַוועק אין וואונדערלעכע ערטער,
אַ, פּראָסטע, וואונדערלעכע ווערטער!

צו גאָט

בין איך דען משה וואָס האָט נישט באַטראָטן דיין לאַנד ?
צי דער זיידע וואָס איז געגאַנגען שעכטן זיין קינד ?
איך האָב דעם שטיין ניט געשלאָגן, כ׳האָב אים בלויז דערמאָנט.
פאַרוואָס זאָל איך טראָגן פאַרן שלאָגן די זינד.

איכ׳ל מיין קינד צו דער שחיטה נישט פירן.
איך בין דאָך אַ טאַטע, כאָטש אָן אַ באָרד.
אויב דו ווילסט מיך אויספּרובירן,
פּרוביר — אָבער נישט דורך מאָרד.

פאַר דעם קענסטו מיין קאָפּ צעפּלעטן.
אָניאָגן אויף מיר אַ פייערבראַנד.
פאַרוואָס־זשע זאָל איך דיין לאַנד ניט באַטרעטן ?
איך האָב דעם שטיין נישט געשלאָגן, כ׳האָב אים בלויז דערמאָנט.

אַזוינע קליינע ווערטער

דערוואַקסענערהייט רעד איך ווי אַ קינד.
ווי קענען מיר באַשיצן אַזוינע קליינע ווערטער?
דעם הערערס אויערן ווערן טויב
פון די וואָס בראַזגען פאַרביי געשווינד
אין הויכע שטיוול — ברייטפּלייציקע טיפּן.
ער קוקט אַראָפּ צו מיר אין שטויב
און הערט מיר בלויז מאַכן מיט די ליפּן.

איך בלייב פאַרשעמט, די פאַרב אויף מיר
איז ווייס מיט רויטע פלאַמעס.
די ליפּן ברענען מיט שוויגעניש.
איך בין אַ פאַרשלאָסענער געשוויר
אין טיפן ווי פאַרזונקען.
וואָס בעט איך דען — ליכט אַ קריזש,
ווען אַנדערע ווערן אין ליכט דערטרונקען.

ווי דערנער שטעכן מיך נעכט און טעג.
וואונדיק ליג איך אין מיין שמאָלער נאָרע.
די אָוונט־שקיעה בלוטיקט אין מיין בליק.
דער רייטער מיינער וואָס לאָזט זיך אויף געיעג
טרייסט צו ברענגען מיינע קראַנקע גלידער;
ווי איך, אין וואונדן, קערט ער זיך צוריק
און אין שפּלות פאַלט ער אויך אַנידער.

אויף איסט בראָדוויי

ביי יאַנקעוויטשעס בוך געשעפט אויף איסט בראָדוויי,
שטייט אַן אָרים טישעלע מיט אָרימע ספרים.
בין איך אויך דאָ צווישן זיי,
איך בין דאָך אויכעט אָרים.

שטענדיג, ווען ס'ווערט מיר אויפן האַרצן ביטער,
קום איך דאָ שטילן מיין פאַרביטערט געמיט.
די נגידים שלאָפן אויף פאָליצעס אין שאַפּנפיטער,
איך שטיי אויף דער זון מיט מיין ליד.

מענטשן קומען און מישן און מישן.
געבענטשט זאָלן זיין זייערע הענט.
איך בין דאָך אַ תושב ביי אָרעמע טישן,
צווישן אָרימעלייט האָט מען מיר שטענדיג דערקענט.

אַנדערע שטייען ביים טישעלע געדולדיק.
איך רעד, און זיי — הערן און הערן.
אָ, איך בין זיי אַזויפיל שולדיק,
איך ברענג דאָך צו זיי מיינע טרערן.

ווען איר פרייט זיך

ווען איר פרייט זיך, פרייט זיך געזונטערהייט;
אויב איך קען מיר נישט אויסמישן מיט אייער פרייד
זאָל אייך נישט פאַרדריסן, זאָל אייך נישט פאַרדריסן.
דער גרויסער האַר, מיט זיין ווילן, האָט מיך אָפּגעשיידט
פון אייך, פאַרגיי איך ווי אין איינזאַמקייט פאַרגייט
דער מייסטער וואָס זיין פידל איז צעריסן...

ווייניק טרייסט ברענגען מיר די ווערטער —
זיי דעקן בלויז אָפּ מיינע וואונדיקע ערטער.
אַנטקעגן דער זון שניידט דער ווייטיק ביזן ביין,
פאַרגיט מיר קינדער, איך בין ניט אייער באַשערטער;
איך בין ניט דער וואָס מיט זיין ווילן פאַרמערטער
דאָס גליק פון די וואָס שמייכלען צו אים מיט די ציין.

מאָרגן און איבערמאָרגן וועל איך דאָ זיצן;
איך וועל זיך דערציילן טרויעריקע וויצן
פון לעבן, פון דער וועלט, פון זיך.
ווי ליכטיקע מעסער וועלן טעג דורכבליצן,
אַ באָרוועסער וועל איך דורך זאַמדיקע היצן
טרעטן, און קיינער וועט ניט וויסן דאָס בין איך...

ווען איר פרייט זיך, פרייט זיך געזונטערהייט.
מיר פאַסט מיין בלאַסקייט, מיין שוואַרצע קלייד.
איך קוק צו אייך, נאָר איר זעט ניט מיין געזיכט;
דאָס שוואַרצע קלייד האָט מיר אויפגענייט
די מאַמע — עס וואַקסט מיט מיר פון יונגערהייט.
איך וועל זיך נאָך אַנטפלעקן אומגעריכט.

אומגעריכט וועל איך זיך אַנטפלעקן,
מיט הויט און ביינער און נאַקעטן שטעקן.
דאַן פאַרקילט וועט אייער שמייכל ווערן.
ווי פון שלאָף וועט איינער דעם צווייטן וועקן,
מיט בלאַסן טרויער וועט איר זיך באַדעקן,
ווייל צו אייך אינגאַנצן וועל איך דאַן געהערן.

איך טרוים אַ טרוים...

איך טרוים אַ טרוים פון שפּעטערדיקע צייטן.
איך זע זיך מיט טיפע קנייטשן און גרויע האָר.
איך לעב אַ לעבן וואָס איז נאָך פונדערווייטן —
און וואָס, מיר דאַכט זיך, איז שוין אויף דער וואָר.

אַלע גייען דאָ פאַרביי, ווי ווינטן.
איך קוק זיי נאָך מיט ציטער און מיט וויי.
מיט די קראַנקע פיס בלייב איך הינטן,
נאָר דאָס האַרץ גייט מיר מיט מיט זיי.

איך זע די שלאַנקע מיידלעך, די צאַרטע יונגען.
איך זע די פרייד — מיין פאַרגאַנגענע פרייד.
איך טראַכט: פאַר מיר האָט אויך דאָס לעבן אַזוי געזונגען —
נאָר איצטער בין איך אַלט שוין און מיין טאָג פאַרגייט.

נידעריקער בייגט זיך מיין קאָפּ צו דער ערד.
מיינע טריט ווערן שטילער, קלענער.
די אויגן פאַרצויגן און פאַרטרערט.
איך הער דאָס לעבן, ווי פון ווייטנס שטאַרבנדיקע טענער.

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען שיינע לידעלעך —
אני לדודי ודודי לי.
לאָמיר אויפשטיין כשרע אידעלעך,
אַלע, אַלע אינדערפרי.

לאָמיר שרייבן וואַרעמע בריוועלעך —
אני לדודי, ודודי לי.
לאָמיר טראָגן לאַקירענע שטיוועלעך,
אַלע, אַלע אינדערפרי.

לאָמיר רעדן טייערע ריידעלעך —
אני לדודי, ודודי לי.
לאָמיר שטראַלן ווי אַטלעסענע זיידעלעך,
אַלע, אַלע אינדערפרי.

לאָמיר לאַכן הערלעכע געלעכטער׳לעך —
אני לדודי ודודי לי.
לאָמיר שפּאַצירן מיט פיינע טעכטערלעך,
אַלע, אַלע אינדערפרי.

לאָמיר טרינקען גוטע שנעפּסעלעך —
אני לדודי, ודודי לי.
לאָמיר זיך ליבן ווי וואַלענע שעפּסעלעך,
אַלע, אַלע אינדערפרי.

לאָמיר טאַנצן געזונטע טענצעלעך —
אני לדודי, ודודי לי.
מיט זיידענע גאַרטלען אויף די פּענצעלעך,
אַלע, אַלע אינדערפרי.

משה לייב

ווען משה לייב קוקט זיך איצט אָן,
וואָלט ער זיך גאָרניט דערקענט.
אין דער גאָמבע שטייט בלויז איין צאָן,
און די פינגער זיינען שוין אַראָפּ פון די הענט.

ווער סע געדענקט משה לייבן,
ווער סע געדענקט אים פון דאַן,
ווען אַ פּאָליערינע איז געהאַנגען פון אויבן,
און ריטערלעך איז געווען זיין שפּאַן.

דאַן האָבן זאַכן געקניט צו זיין וואָרט.
משה לייב איז געזעסן אויפן טראָן,
אין אַ ווייסן קיטל, און אַ גאָלדענע באָרד,
איז משה לייב געזעסן אויבן־אָן.

מיטן שטעקל, ווי אַ דיריגענט,
האָט משה לייב געגעבן אַ מאַך,
איז אַנטלאָפן דער דאַך, אַנטלאָפן די ווענט,
און עס זיינען געשטאַנען שיקסלעך אַ סך.

שיקסלעך אויסגעשטעלט ריי נאָך ריי.
ער וויל נאָר די וואָס זיינען גלאַט און שיין;
וואָס רייצן ווי שלאַנגען מיט זייער דריי.
מיט די ברייטע היפּטן הייסט ער גיין.

נאָר אַמאָל ווען אונדזער משה לייבן
איז געוואָרן גאַנץ שווער אויפן האַרצן,
האָט ער זיך פון טראָן אויפגעהויבן
און איז אַוועק צום ים, דעם שוואַרצן.

אין זיין ווייַנען און אין זיין קלאָגן
האָט משה לייב געטאָן אַזוי צו זאָגן:
וואָס קומט מיר אַרויס וואָס איך בין משה לייב?
וואָס קומט מיר אַרויס פון דער קרוין וואָס איך טראָג?

אַז קיינער קומט מיך ניט טרייסטן אין מיין קלאָג!
אין מיינע איינזאַמע שעהן עלנט, ווי אַ שטיין,
דאַרף איך דאָ ליגן ביים ים אַליין.

די וועלט איז פול מיט פיינע ווייבער,
מיט גוטע ווייגען און מיט רויזן
און איך משה לייב, אַ יידישער שרייבער,
דריי מיך אַרום מיט צעריסענע הויזן.

די טרערן רינען אַפיר פון די ברילן,
ער זאַפט זיי אַריין מיט אַ טיכל אַ ווייס.
משה לייב, משה לייב, ווערסט זיך נאָך פאַרקילן,
דיינע הענט און דיינע פיס — שטיקער אייז.

און ער לאָזט זיך גיין איינער אַליין
אין דער שפעטער נאַכט וויסט און דערשלאָגן,
די פיס שלעפט ער ווי שטיקער ליים,
זיי קאָנען שוין מער זיין גוף ניט דערטראָגן.

פאַלט ער אַוועק אין זיין טיפן פיין,
קומט אַרויס די לבנה און שלעפערט אים איין.
זיצט ער שוין ווידער אויפן טראָן
אין אַ ווייסן קיטל אָנגעטאָן.

אין אַ ווייסן קיטל און אַ גאָלדענער באָרד
און אַלע זאַכן קניען צו זיין וואָרט,
שיקסלעך, אויסגעשטעלט ריי נאָך ריי,
רייצן ווי שלאַנגען מיט זייער דריי.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר איצט, ווען ער קוקט זיך איצט אָן
וואַלט ער זיך גאָרניט דערקענט,
אין דער גאָמבע שטייט בלויז איין צאָן
און די פינגער זיינען שוין אַראָפּ פון די הענט.

צו משה נאַדיר

נאַדיר, נאַדיר מאַך זיך נישט נאַריש.
נישט דערפאַר וואָס מיר זיינען באַרבאַריש,
נאָר פשוט דערפאַר וואָס סע ליגט נישט אין זינען
אין אַ וועלט פון אַטאָמען קאָקונען צו שפּינען.

קומען וועט אַ צייט, אַ צייט וועט קומען,
וועלן מיר שמעקן די דופטן פון בלומען.
וועלן מיר זען די פייערלעך פליען...
וועלן מיר זען די שטערנדלעך גליען.

דאַן, אָ דאַן, וועסטו ווערן וואַזשנע,
אַן דיר צו זיין דאָ וועט נישט זיין ראַזשנע.
די וויכטיקע זאַכן וועט מען פאַרלאַכן,
מירן רעגירן ווי קעניגע אויף שאַכן.

דער יונגערמאַן

וואָס וויל פון מיר דער יונגערמאַן
מיט זיין קאַליאַוון ניגון.
ער גייט מיר נאָך, שפּאַן נאָך שפּאַן,
און וויל מיך נאָר באַזיגן.

איך ווענד מיר אָפּ און לויף אַוועק.
איז וואו איך בין, איז ער אויך.
איך צי מיר אויס ביים שטילן ברעג,
קריכט ער אויף מיין בויך.

און ער לאָזט מיר אַליין נישט אָפּ.
מאַכט מיט כוואַטסקער מינע:
איך בין אַ פּראָסטער כלאָפּ
און פאַרשטיי ניט זיין נגינה.

און ער פּלאַפּלט, און ער וויגט מיך,
און ער וויגט מיך און ער וויגט מיך,
און פאַרפּלאָנטערט און באַזיגט מיך.

צו דיר

כאָטש דו פֿאַרבעטסט מיר ניט צום פֿלוימען צימעס
האָב איך אויף דיר נישט קיין תּערומות.

ווייל ס׳איז דאָ אַזאַ חברותא
וואָס באַקט פֿאַר מיר קוגעלעך זיסע.

וואָלט עס פֿאַרן יידן זעליג
געווען גאַנץ צופֿרידנשטעליג.

נאָר וואָס קומט אַרויס,
אַז די וואָס איך האַלט אין מיין שויס,

און דאַרף מיין בענקשאַפֿט פֿאַרוויגן,
זינגט לכה דודי מיט אַן אַנדער ניגון.

ראשית זאָל איך באַצירן
דעם האַלז אירן

מיט אַדעלשטיינער, מיט סאַפּירן.
אויפֿן קנאַפּל פֿון געטאָקטן פּוס
אַ פּערלבייגעלע — געוויס.

והשנית, רוימט זי מיר אַריין אין אויער,
ווייל זי וויסן אַלץ גענויער:

וואָס איך טו, און ווי איך מאַך אויס,
צי האָט אַ גאָלדענע קליאַמקע מיין הויז,

און טעפּיכער אַזוינע וואָס מען טוט אויף זיי זינקען,
און ווינען גוטע אין קעלער צום טרינקען.

מיינע מעשטעס זאָל איך לאָזן, מיין טרויער האַרמאַניק,
און איר ברייגען די זון אויף אַ טעלער מיט האָניק.

ווייל זי וויל, זאָגט זי, לעבן און לאַכן,
אַ נישט, פֿאַרפּאַקט זי אַלע זיבן זאַכן.

אַז משיח וועט קומען

געזעלן, געזעלן,
אַז משיח וועט קומען, וואָס וועט אונדז פעלן?
מירן עסן באָקסער און פייגן,
אַז דער רבי וועט רעדן
וועלן אַלע שווייגן,
ווי סע פּאַסט פּאַר אײדעלע יונגעלייט
וואָס הערן ווערטער מיט באַטייט.

געזעלן, געזעלן,
אַז משיח וועט קומען, וואָס וועט אונדז פעלן?
טייטלען אין האָניק וועלן מיר טונקען,
פון רבינס מויל וועלן מיר טרינקען
די רייד,
ווי מען טרינקט יום־טוב
ווײַן מיט מעיד.

געזעלן, געזעלן,
אַז משיח וועט קומען, וואָס וועט אונדז פעלן?
מירן טאַנצן און זינגען: אוי, טאַראַ־ראַ!
אַז דער רבי וועט זאָגן וועט בלייבן — שאַ.
ווי סע פּאַסט ביים רבין וואָס ווייסט וואָס ער זאָגט —
די ווערטער גייען אויף ווי דאָס ליכט ווען עס טאָגט.

געזעלן, געזעלן,
אַז משיח וועט קומען, וואָס וועט אונדז פעלן?
אונטער צעדערבוימער וועלן מיר זיצן,
אין רויטע יאַרמולקעס מיט טערקישע שפּיצן,
און ברוינע מוידן מיט געלאָדענע ברוסטן
וועלן אונדז אונדזער לעבן פּאַרוויסטן.

געזעלן, געזעלן,
אַז משיח וועט קומען, וואָס וועט אונדז פעלן?
מירן עסן לויתן מיט געפלאָכטענע בולקעס,
מירן ליגן אויף די גראָזן מיט לאַנגע ליולקעס,
און דער גאָלדענער פויגל וועט פּאַר אונדז טרעלן —
אַז משיח וועט קומען, וואָס וועט אונדז פעלן?

דער פּאַסטעך

די ערד גייט ווידער מיט פּאַשע אויף.
די שאָף קומען און ווערן זאַט.
דער פּאַסטעך ליגט מיטן פּנים אַרויף,
איינגעוויגט פון אַראָמאַט.

די זון שטראַלט מיט וואַרעמען גאָלד.
בלימעלעך שפּרודלען אין פאַרביקער פרייד.
אַ ברייטער מאַן, מיט קופּערנער באָרד,
פון זיין טאָרבע קערנער שפּרייט.

דאָס מיידל טאַנצט נאַקעט אַריין
אין קלאָרן טייך, צום טרינקען קלאָר.
מיינט דער פּאַסטעך, אין זילבערנעם וויין
איז זי אַריין מיט די גאָלדענע האָר.

שמייכלט דער פּאַסטעך אין זיסן טרוים.
אַלע גלידער שמייכלען מיט.
ער חלומט ער איז אין פרילינג אַ בוים.
זיינע צווייגן אין ווייסן צוויט.

באַלד וועט דאָס מיידל קומען צוגיין,
אין זיין שאָטן זיך צו הילן.
באַפוילן וועט ער זיין ווייסער קרוין,
מיט אַלע פייגל פאַר איר צו שפּילן.

דאָס מיידל קומט פון וואַסער דעם קילן,
טאַקע אַזוי ווי זי שטייט און גייט.
נאָר גישט אין שאַטנס זיך צו הילן —
נאָר צו טאַנצן דאָס ליד פון נאַקעטער פרייד.

גיט דער בוים מיט געברויז
פון דער ערד זיך אַ שטאַרקן ריס.
אַזוי ווי ער איז קומט ער אַרויס,
און הייבט אָן האָפקען מיט די באָרוועסע פיס.

(די פייגל פלאַטערן איבער די צווייגן
מיט צעשראָקענע פליגל און באַנעמען שווער:
— אַ בוים זאָל ניט שטיין ווי אַ בוים און שווייגן,
נאָר גאָר טאַנצן ווי אַ קאַוואַליער!)

דאָס מיידל דרייט זיך גיכער, גיכער,
און דער בוים, ער דרייט זיך מיט.
פלוצים זיצט זי אין אַ גאָלדענעם בעכער,
מיט די גאָלדענע האָר; און דער בעכער פליט.

פליט דער בעכער און דער בוים נאָך אים.
וועד ווייסט וואוהין זיי וואָלטן פאַרפלויגן,
ווען אַ שאָף וואָלט נישט מיט איר שטים
אויפגעוועקט דעם פאַסטעכס אויגן.

אָוונט אין נעפל אַלץ פאַרציט.
די סטאַדע שפרייזט אָוונטיק, פאַרטראַכט.
נאָך איר דער פאַסטעך מיט באָרוועסע טריט —
טיפער און טיפער אַריין אין נאַכט.

דער טרוימער

דער טרוימער האָט שוין לאַנג פֿאַרלאָרן זיין כח
אַרויסצורופֿן די זון מיט זיין גאָלדענעם טרומייט.
איצט ליגט ער מיט אַ טיכל אַרום זיין מח
אין טיפֿע וואונדן צוזאַמענגעדרייט,
און רעדט צו זיך אַזוינע רייד:

גאָט פֿון אברהם, האַרציקער טאַטע,
וואָס טוט אַ שאָף אין בלאָנדזשענדיקן וואַלד?
טראַכט זי דען פֿון טעג גאָלדענע און זאַטע,
ווען געפֿאָרן לויערן פֿון מינדסטן שפּאַלט
צו ווערן צעריסן אין שטילן געוואַלד?

זי קניט אַראָפּ מיט די שטילע אויגן,
און בלייבט אינגאַנצן אויף דיין באַראָט.
מיט אַ שוואַרצקייט ווערט זי איבערגעצויגן —
די נאַכט באַשיצט זי דורך דיין גענאָד,
ווייל גנעדיק איז דיין האַנט, אָ, גאָט.

גאָט פֿון אברהם, גנעדיקער האַר,
צעווייטיקט איז דיין קנעכט פֿון שפּיז און שווערד.
לינדער זיין פּיין און לויטער זיין צער,
ער זאָל ניט אַוועק אַזוי פֿון דער ערד
ווי אַ בלאָט וואָס ווערט פֿון ווינט פֿאַרקערט.

גאָט פֿון אברהם, גנעדיקער האַר,
פֿאַרנעם מיט ליבשאַפֿט דאָס שטילע געוויין.
ווי ליכטיקער צייכן און נאַכטיקער געפֿאַר
זאָל אויפֿגיין אין לעצטער שעה פֿון פֿאַרגיין,
דאָס העלע ליכט פֿון דיין געטלעכער קרוין.

אַזוי־אַ רעדט צו זיך דער טרוימער,
אין טיפֿע וואונדן צוזאַמענגעדרייט.
אַרום אים מנורות — זילבערנע ביימער.
דאָס פּנים אויסגעקאָלעכט, טויט.
גאָט נעמט אים צו מיט פֿרייד.

פּאָר קליינע יידעלעך

צוויי ציגאַנקעס

שוואַרץ ווי קויל.
ווייסע ציין,
און העלזער הויל.

קומען זיי צו
מיר אַריין —
הערט אַ מעשה,
הערט זיך איין:

איינע נעמט אַ
טיכל ווייס,
און זי גיט אַ —
זאַ באַוויַיז.

קיצל, קעצל,
קאָטער, קאַץ.
שטייט אַ קראַליק
אויפן טאַץ.

קיצל, קעצל,
קאָטער, קאַץ.
קריכט אַ שלאַנג אַ —
רויס פון לאַץ.

און די צווייטע,
בליציק שנעל,
רייסט פון בייטשל
אָפּ אַ קרעל.

און זי זאָגט מיר:
האַלט עס צו!
און גיב אַ קריי —
קו־קע, רי־קו!

נעם איך עס
און האַלט עס צו,
און גיב אַ קריי —
קו־קע, רי־קו!

הערט אַ מעשה,
הערט זיך איין:
אויפן פיסל
שטייט אַ ביין.

און אין צירקל
פון דעם ביין,
שטייט אַ זון און
קוקט אַריין...

כאַ, כאַ, כאַ!
און כי, כי, כי!
איך כאַפּ זיך אויף,
ס'איז איבערפרי.

איך וועל זיין דאָ ווידער

.1

צו אירע בלויע אויגן
קום איך אויפדערנאַכט.
צו ווערן פון מיין שווערער
מידקייט אויפגעוואַכט.

צופיל רעדן, רעדט
זי ניט צו מיר.
זי רירט זיך צו מיר צו
מיט איר געטלעכן באַריר.

און זי זינגט צו מיר
מיט אַלע אירע גלידער.
מאָרגן, נאָכן טאָג,
וועל איך זיין דאָ ווידער.

2.

ס'איז מאָרגן נאָכן טאָג.
איך בין ווידער דאָ.
איך טרינק אין אירע אויגן
די אָונטדיקע שעה.

דער טישטוך אויפן טיש —
עס ליגט אַ ווייסער שניי.
אויפן טישטוך בלומען,
און צוויי גלעזער טיי.

און זי זינגט צו מיר
מיט אַלע אירע גלידער.
מאָרגן, נאָכן טאָג,
וועל איך זיין דאָ ווידער.

3.

ס׳איז מאָרגן נאָכן טאָג.
איך בין דאָ שוין ווידער.
אין אירע רייפע הענט
ווער איך אַמאָל מידער.

אירע ליפּן צאַרטקייט
אויף מיין פּנים שפּרייט.
אין פאַרמאַכטע אויגן
שוויגט מיין שטילע פרייד.

ווי זוניקע לידער
זינגען אירע גלידער.
מאָרגן, נאָכן טאָג,
וועל איך זיין דאָ ווידער.

קאָנגאַ

איינס, צוויי, דריי — קיק!
אַזויפיל טויטן אין איין אויגנבליק:
דער מאַן מיט דער באָרד, דאָס קינד אין וויג,
איינס, צוויי, דריי — קיק!

איינס, צוויי, דריי — האָפּ!
אין אַ גריבל שטייט אַ קאָפּ.
שיינער שטערן, בלאָנדער צאָפּ, —
איינס, צוויי, דריי — האָפּ!

איינס, צוויי, דריי — העץ!
אַ פּאַטש אין טאַץ, אין פּויק אַ זעץ.
אַ טראָט פּאָראויס, אַ שפּאַן צוריק —
איינס, צוויי, דריי — קיק!

איינס, צוויי, דריי — טראַך!
ווי אַן אָדלער פליט דער דאַך...
אין פלאַמען פליען נאָך די טרעפּ —
איינס, צוויי, דריי — העפּ!

איינס, צוויי, דריי — האָם...
סאָראָ מויד, און סאָראָ פלאָם,
ווי זי וויגט זיך, זע נאָר זע!
איינס, צוויי, דריי — הע!

און אַלע טענצער טאַנצן מיט,
ווי סע זאָג זיך אין דעם ליד:
איגל, וויגל, קאַנגאַ.
אוי, איז דאָס אַ סאַנג — האַ?
אַ צאַפּל דאָ און דאָרט.
אַ וויג זיך צו געפּאָרט.
טרובעס, פויקן, טאַצן,
הויבט די טענער העכער!
דאָס קלייד אויף איר
זאָל פּלאַצן.
און פּאָכען זאָל דער פּעכער.
העכער, פּעכער — פּאַך!
אַראָפּ, אַראָפּ — און נאָך...
אַט, אַט־אַט, אַט־אַט!
אַזוי אַ — אַ, מיין גאָט — — — —

די ליאַלקע

לאָמיר נישט פאַרגעסן די ליאַלקע
וואָס האָט געטראָגן אַ באַרכענע האַלקע.
אַ פשוטע ציצענע קלייד,
און געבראַכט אונדז אַזויפיל פרייד.

איך געדענק ווי מיידלעך פלעגן בעמען
פרייטיק — די מאַמע האָט געבאַקן קיכלעך...
לכבוד שבת די ליאַלקעס פאַרקעמען,
און סטרויען זיי אין שטערן טיכלעך.

וואו איז די ליאַלקע אַצינד?
מיר וועלן איר שוין קיינמאָל ניט האָבן.
היטלער האָט באַגראָבן אונדזער קינד
צוזאַמען מיט דער ליאַלקע באַגראָבן.

וועלוול רעדט צו זיין שלאַנג

אויב דו ווילסט, איך זאָל שטאַרבן, וועל איך דאָך אַוודאי שטאַרבן.
וואָרים דאָס איז דאָך פון דער וועלט דער סדר, דער אייביקער גאַנג.
אָבער איך וועל ניט צעשמעטערן מיין שאַרבן,
כדי צו דערפילן דיין פאַרלאַנג.

איך בין שולדיק, איך וועל עס שטענדיק זאָגן.
אויף מיין ברוסט דער צייכן פון אייביקן אַל־חטא.
מיין גוטער מלאך האָט אָנגעהויבן קלאָגן,
נאָך איידער מיין גוף האָט אָנגערירט דיין בעט.

פונדעסטוועגן גיי איך עלעגאַנט געקליידט,
דער קאַנט פון מיינע הויזן איז פונקט אינדערמיטן.
אויב מיין טאָג פאַרלעשט זיך אָן פרייד,
ליגט דאָך די קללה אין מיינע בליטן.

און דיר ווינטש איך אַ פעטערן בויך.
דיין טיפער פופיק זאָל אַריין טיפער.
טייערן איינגעמאַכטס מיט גילדערנע יויך
און רענדלעך זילבערנע אַ פולן קיפער.

אַז איכ׳ל שטאַרבן וועל איך דיר שרייבן,
אַ שיין בריוועלע אין אַ שיינעם קאָנווערט.
וואָרים ווער איז דען געקומען בלייבן
אויף אַזאַ פאַרוואָרלאָזטער ערד.

גיי דיר דיין וועג

ווי קומסטו צו מיר אַזוי אומפאַרשעמט ?
איך האָב דאָך דיר געוויזן די צייכנס אויף מיין העמד.
איך האָב דאָך דיר געוויזן אינמיטן העלן טאָג,
די בלוטיקע שפּורן פון מיין קלאָג.

און דו האָסט אַנדערע וועגן פאַרנומען.
און מיך האָסטו געלאָזן אַליין, אַליין.
אין מיינע ווייטיקן האָב איך אָנגעהויבן שטומען.
אפילו ניט געקריצט מער מיט די ציין.

און איצט, ווען דאָס וואַסער איז איבערן האַלז,
קומסטו מיך טרייסטן, שיטן זאַלץ.
גיי דיר דיין וועג, גיי,
איך בין דורכגעלויטערט אין מיין וויי.

ווי איך בין אַ ייד

איך עפן די טיר, זי שטייט אין קיך,
אין ווייסן פאַרטוך, די באַקן צעגליט.
די זאַקן פאַרבייגלט איבער די שיך,
— ווי איך בין אַ ייד.

דער בוים אין פענצטער אין ווייסן צעבליט.
אַ שניי האָט אים באַגינען באַשיט;
שטייט ער אין בליאונג, ווי פרילינג אין צוויט.
— ווי איך בין אַ ייד.

די וואַרעמע שטוב שטילט מיין געמיט.
איך זיץ אין מיין שטול, אַ ליולקע אין מויל.
אַ פוס אויף אַ פוס, און רויכער מיר פויל.
— ווי איך בין אַ ייד.

כ׳פאַרמאַך די אויגן און וואַנדער אַוועק,
וואַנדער און וואַנדער ביז יענער זייט עק...
כ׳שפּאַן און איך שפּאַן און זע ניט קיין טריט
— ווי איך בין אַ ייד.

באַפאַלט מיך אַ שרעק. איך זוך אין געדאַנק —
דעם באַטייט וואָס איך זע ניט קיין שפור פון מיין גאַנג.
עס קלאַפּט מיין האַרץ ווי מיט האַמערס אַ שמיד.
— ווי איך בין אַ ייד.

אַ באַריר פון איר האַנט ברענגט מיך צוריק.
זי פירט מיינע אויגן צום שמייכל פון וויג.
שמייכלט זי, איך, און דאָס קינד — זאַלבעדריט.
— ווי איך בין אַ ייד.

זי לאָזט זיך אַראָפּ צו מיר אויפן שויס.
זי איז, זאָגט זי, איצט אַזוי מיד, אַזוי מיד.
די ליולקע גייט לאַנגזאַם אין אַש־טעצל אויס.
— ווי איך בין אַ ייד.

דער מייסטער צויבערקלאַנג

וועו דער מייסטער צויבערקלאַנג
נעמט דאָס פידעלע אין האַנט,
איז נישטאָ נאָך אַזאַ געזאַנג.
אַלע טענער ווערן איינגעשפּאַנט;

עס רייט אויף זיי דער דינער בויגן
ווי כישוף וואָלט אים הין און צוריק געצויגן.
די געסט פאַרמאַכן די איינגעשטילטע אויגן,
ער נעמט זיי און זיי גייען —

אויסגעטאָן פון אַלע וואונדן,
אויפגעלייזט פון אַלע ווייען —
רינגלט זיי אַרום די אויסדערוויילטע שיינקייט;
געלייטערט פון וואָכעדיקער קליינקייט,

דערהויבן זיי זיך צו די העכסטע הויכן,
דערגרייכן זיי די ווייטסטע ווייטן —
ווען דעם מייסטערס בויגן
הויבט אָן אויפן פידעלע צו רייטן.

שאָפּ

אַזויפיל מאַשינען דרייען אין קאָפּ,
אין אַלע גלידער.
אין דער נאַכט שטייען זיי אויף מיר.
די נאָדלען שטעכן מיינע פינגער,
די ציינער קריצן ווייטיקן אויף מיין לייב.

דער געפילדער פאַרטיליקט די שטילקייט
וואָס לעכצט נאָך מיר,
וואָס באַגערט מיר,
וואָס זוכט מיך אויף אַלע שטילע ברעגן,
אין אַלע בלאַסע בליקן.

גאָט בינד דעם קעניג פון אַלע גערוישן
און לייג אים הילפלאָז צו מיינע פיס,
איך זאָל ווידער קענען הערן,
די רייד פון נישט געוויינטע טרערן,
דאָס פּרעפּלען פון שטילע וואַסערלאַך,
דאָס שוויגן פון שטומע ליפּן.

.2

איך בין אַליין.
אַ מאַשין שטייט אין מיינע אויגן.
זי איז שוואַרצער פון דער נאַכט,
זי איז שטיל אַזוי ווי איך,
זי איז פול מיט שוידער אַזוי ווי איך,
זי שוויגט פאַרבאָרגן אַזוי ווי איך,
איך פיל די גלאַטקייט פון איר שוואַרצן האַלז.
איך קען איר איצט דערשטיקן,
נאָר עס שרעקן מיך אַזוי פיל בליקן...

איך וואוין אין אַ וואַלד

איך וואוין אין אַ וואַלד,
אַ טיפֿן וואַלד.
יעדע שעה שטעל איך מיך אויף
און גיב אַ געשריי:
אוי, געוואַלד!
און דער וואַלד ענטפֿערט מיר:
אוי, געוואַלד!

איך זעץ מיך אַוועק,
קראַץ אויס מיין פֿאַרפּלאָנטערטע באָרד,
מיין האָריקע ברוסט
און טו מיך דריי מאָל וויגן,
ווי איבער אַ גמרא,
און ווער אַנטשוויגן.

איכ׳ל מיר שעכטן אַ בער
זאָל ער נאָר פֿאַרבלאָנדזשען אַהער.
איך שאַרף שוין מיין חלף —
מיין לאַנגן שפּיגל.
פֿאַר מיר אַליין אַ בער.
פֿאַר מיר אַליין אַ בער.
איכ׳ל ווערן וואַלדיק,
איכ׳ל ווערן שווער,
איכ׳ל ווערן געוואַלדיק שווער.

איך וועל מיך לייגן שלאָפן
אין מיין וואַלד,
אין מיין טיפן וואַלד.
דאָ איז אַזוי שטיל —
האָניק־שטיל.
דאָ איז אַזוי קיל —
טאָניק־קיל
און ווער וועט איבער מיר וואַכן?
מיין קינד וועט איבער מיר וואַכן.
אויף זילבערנע פליגל וועט זי קומען אַהער,
ווי אַ מלאך אַ שטילער, וועט זי זיך בויגן
איבער מיינע פאַרשלאָסענע אויגן.

אוי, ס׳איז מיר אַזוי אומעטיק דאָ.
אַזוי אומעטיק דאָ.
נאָר גאָט צו דאַנקען פאַר דער געבענטשטער שעה.
ווען כ׳שטעל מיך אויף
אין מיין וואַלד,
אין מיין טיפן וואַלד,
און גיב אַ געשריי —
אוי, געוואַלד!
און דער וואַלד ענטפערט מיר —
אוי, געוואַלד!

איך זעץ מיך אַוועק,
קראַץ אויס מיין פאַרפלאָנטערטע באָרד,
מיין האָריקע ברוסט,
און טו מיך דריי מאָל וויגן,
ווי איבער אַ גמרא,
און ווער אַנטשוויגן.

מיינע שיפן

דער קאַפּיטאַן, דער קאַפּיטאַן,
ברייט און ווירדיק איז זיין שפּאַן.
אויף ווייטסטער ווייט און טיפסטער טיף,
גייט מיט זיכערקייט זיין שיף.
מיט ברייטן אָטעם, מיט קנוילן רויך,
שניידט איר שוואַנגערדיקער בויך,
דורך גרויע באַגינענס, נאַכטיקע שטערן —
זי פייפט דער גאַנצער ים זאָל הערן.
און גרייכט זי צום באַגערטן ברעג
ברענגט זי פרייד גאַנצע פּעק.
און גרייכט זי צום באַגערטן ברעג
שיינען ווי רענדלעך זילבערנע טעג.

— — — — — — — — — — — — — —

נישט אויף ברויזנדיקע טיפן,
שטילע זעגלען מיינע שיפן.

דריי אַראָפּ די שיין —
און דעק מיך איין.

מיט גוטע הענט, מיט שטילע רייד,
האַלט דיין פליגל איבער מיר צעשפּרייט.

אינהאַלט:

אַמאָל איז געווען אַ מלך

אַמאָל איז געווען אַ מלך 5
חורבות שפּראַצן 7
ערב שבת 8
אַ תּפילה 9
די געטלעכע האַנט 10
ווער וועט נאָך מיר בענקען ? 11
זעלנער זעלנער 12
צו די ברידער איבערן ים 13
אַ בריוו 14
דער פעטער משה 16
מיין יחוס 25
די פּייערפּאַן 26
אין יאַמערדיקן טאָל 28
און איצט 29
אַ קליין שטעטל 30
נאַכט און רויט 33
טאַנץ נומער איינס 34
היינט איז דער טאָג פאַרשאָלטן 37
מיין קאַסטן 38
קומען וועט איינער 39
ערב האַרבסט 42
אַז היטלער קומט אין אונדזערע שטעטלעך . 42
פאַרוואָס ? 44
דאָס לעצטע ליד 45

אין שפּאַלטן פון ווענט

אין שפּאַלטן פון ווענט 49
מדבּרדיקע זאַמדן 51
איך ווייס 52
לחיים העגליייכטער מיין פריינט 53
יאָרצייטן ברענען 54

דאָס שיינקייט פאַרגייט 55
מיינע געסט 58
אברהם רייזן 59
פשוטע ווערטער 60
צו גאָט 61
אַזוינע קליינע ווערטער 62
אויף איסט בראָדוויי 63
ווען איר פרייט זיך 64
איך טרוים אַ טרוים 65

לאָמיר זינגען

לאָמיר זינגען 69
משה לייב 70
צו משה נאַדיר 72
דער יונגערמאַן 73
צו דיר 74
אַז משיח וועט קומען 75
דער פאַסטעך 76
דער טרוימער 77
פאַר קליינע יידעלעך 79
איך וועל זיין דאָ ווידער 81
קאָנגאָ 84
די ליאַלקע 86
וועלוול רעדט צו זיין שלאַנג 87
גיי דיר דיין וועג 88
ווי איך בין אַ ייד 89
דער מייסטער צויבערקלאַנג 90
שאַפּ 91
איך וואוין אין אַ וואַלד 92
מיינע שיפן 94

פון זעלבן מחבר:

„זינג זינגער" / 1938